NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13305

FAR DI KINDERS-VEGN

Zalman Vasertsug

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

זלמן וואַסערצוג

פון ד קינדער־וועלט

— מעשהלעך, בילדלעך און סצענקעס —

זלמן וואַסערצוג

פאַר די קינדערס־וועגן

מעשהלעך, בילדלעך
און סצענקעס

בוענאָס איירעס

1932

הילע געצייכנט פון מ. אייטשלבוים.

אַנדערע אילוסטראַציעס אין בוך,
צוגעפּאַסטע פון פאַרשידענע קוועלן,
:: איבער מאַגגל אין אָריגינעלע ::

איבערדרוק פאַרבאָטן.

דרוקעריי „קולטור" פון מושקאט און זאסלאַווסקי — טוקומאַן 3067 — ב. איירעס

דעם אָנדענק פון אונדזער יונג־פאַרשטאָרבענעם

ברודער אשר מאיר ז״ל.

זוכן קינדער און זוכן...

שוין שפּעט בײַנאַכט. ערשט נאָר וואָס האָט אַ מאַמע פאַר־ענדיקט דאָס נייען, פאַרלאָשן דאָס לעמפּל און זיך אַנידערגעלייגט אויסצורוען די מידע ביינער — האָט זיך איר יאָסעלע אויפגעכאַפּט פונם שלאָף מיט אַ געוויין.

— וואָס וויינסטו, מיין קינד?

— ס׳איז מיר אַזוי טרויעריק, מאַמע.

— ס׳האָט זיך דיר דען עפּעס געחלומט? דערציייל, קינד, דער מאַמען דיינער.

— געחלומט, אָבער כ׳געדענק נישט וואָס...

— טאָ פאַרוואָס ביסטו טרויעריק?

— כ׳ווייס אַליין נישט פאַרוואָס... דער טאַטע וואו איז דען?

— ווייסט דאָך ר׳איז געפאָרן אין אַ וויטער שטאָט פאַרדינען. שלאָף איצט, מיין קינד, באַרואיק זיך.

האָט זיך באַרואיקט יאָסעלע און דער מאַמען האָבן זיך די אויגן גע־קלעפּט פון שלאָף, איז זי אַנטשלאָפן געוואָרן. איז ווידער שאַ־שטיל...

באַפאַלט יאָסעלען ווידער אַזאַ מאָדנע שרעק, צעוויינט ער זיך אויפסניי.

— כ׳שרעק זיך, מאַמע...

— שרעק זיך נישט, קינד מיינס, די מאַמע דיינע איז דאָך מיט דיר...

— כ׳וויל גיין, מאַמע, צו מיין חבר יונה.

— נאַריש קינד, ס׳איז דאָך בײַנאַכט איצט, וואו װעסטו גיין?

— טאָ דערציייל אַ מעשהלע מאַמע, אָדער זינג אַ לידעלע, ס׳איז מיר אַזוי טרויעריק...

— גוט, וועל איך דיר זינגען.

זינגט די מאַמע, איז איר מעלאָדיע אַ נאָגנדיקע, אַ בענקענדיקע און די ווערטער אויך אַזעלכע... זינגט די מאַמע און זינגט און ווערט אַנטשלאָפן

אינמיטן, כאפט זיך אויף, זינגט ווייטער און ווערט ווידער אנטשלאפן...

ווערט יאסעלען פון דעם געזאנג נאך טרויעריקער. הערט זיך לאנג, לאנג דער טיק־טאק פונעם זייגער און אט שלאגט ער: איינס, צוויי, דריי. אזוי לאנג נאך ביז אינדערפרי, אזוי לאנג... יא, צו יונהן, צו זיין חבר יונה וועט ער גיין, מיט אים וועט ער זיך קענען גוט אויסטענהען...

קריכט יאסעלע פאוואלינקע אראפ פון געלעגער און שארט זיך ארויס אינדרויסן. קוים אפגעגאנגען צען טריט, קומט אים אנטקעגן זיין חבר יונה.

— וואס טוסטו דא, יונה, אליין ביינאכט?

—כ׳גיי צו דיר, ס׳איז טרויעריק ביי אונדז אין שטוב...

— און דו, פארוואס שלאפסטו נישט?

— כ׳קען נישט שלאפן, גיי איך צו דיר...

— טא קום וועלן מיר גיין אינאיינעם.

נעמען זיי זיך אן ביי די הענטעלעך און שפרייזן אין די שאטנס פון די אויסגעבויגענע הילצערנע הענט און שווייגן.

טרעפן זיי זיך צוזאמען מיט נאך אנדערע קינדער, חברים זייערע און אנדערע — פרעמדע, וועלכע זיי האבן נאך קיינמאל נישט געזען און וויסן צומאל נישט ווי זיי הייסן. זענען די איבריקע קינדער אויך ווי זיי אומעטיקע און בלייך־דערשראקענע. טוליעט זיך איינער צום אנדערן פון קעלט און באהאלטן זיך אין די שאטנס פון די הענט...

איז שוין א מחנה מיט קינדערלעך פאראן אין גאס.

— פארוואס שלאפסטו נישט יאסעלע?

— שוין לאנג אז מיין טאטע איז אוועקגעפארן אין א ווייטער שטאט. און מיין מאמע איז מיד פון א גאנצן טאג נייען, שלאפט זי — איז אומעטיק אין שטוב...

— און דו?

— מיין שוועסטערל איז קראנק, בין איך ארויס צום ווינט ר׳זאל געבן א רפואה געזונט צו מאכן מיין שוועסטערל...

— און דו פארוואס?

— מיין טאטע האט שוין לאנג, לאנג נישט קיין ארבעט. ליגט ער ביינאכט אויפן געלעגער און קרעכצט — ווערט אזוי טרויעריק פון זיינע קרעכצן...

— און דו שרהלע?

— כ׳וויל האבן א פויגעלע, וואס זאל קענען זינגען. איצט שלאפן זיי אלע פייגעלעך, וועל איך קאנען כאפן איינס פון זיי...

— און מאשע?

— כ׳האב ליב ביינאכט צו הערן מעשהלעך פון גזלנים און פון פרינצעסינס. און שיינע לידלעך זינגען האב איך ליב צו הערן. און ביי אונדז קיינער מיר נישט דערציילט, קיינער מיר נישט זינגט...

— טא קומט וועלן מיר גיין אינאיינעם.

גייט א מחנה פארטרויערטע קינדערלעך צווישן פארשלאפענע הייזער

פון שטעטל מיט אַ הונגער און אַ בענקעניש אין די הערצלעך נאָך אַ ביסל פרייד, נאָך אַ פריילעך וואָרט, אַ קלאַנג...

באַגעגענען זיי דעם אַלטן, גוטן וועכטער פון שטעטל, דעם אַלטיטשקן וועכטער מיט די זיבן פעלצן און מיט די גרויסע שטיוול — אַ שלאָפעדיקן אויף דער אַלטער פּלומפּ...

— וואָס טוט איר קינדער דאָ אַזוי שפּעט בייַנאַכט? אַהיים שלאָפן גייט, ס'איז קאַלט... —

— טרייב אונדז נישט גוטער וועכטער. אין אונדזערע היימען איז אויך קאַלט און טרויעריק... דערציילט אונדז אַ מעשהלע, מעג זיין פון גזלנים, פון שדים, פון שיכּורע גויאים, פון פּרינצעסינס שיינע און מיאוסע, נאָר דערצייל. דערצייל גוטער וועכטער, אַלטער וועכטער אין די זיבן פעלצן...

— טאָ זעצט זיך אַוועק!

זעצן זיי זיך אַוועק אַרום דער אַלטער פּאָמפּע און דער אַלטער וועכטער נעמט אַרויס אַ פלאַש פון די גרויסע שטיוול, גיט אַ זופּ, דערנאָך אַ הוסט און דערציילט:

„קומט די נאַכט, ווערן אַלע וועלדער און פעלדער פול מיט רוחות, גזלנים און מכשפות...

באַהאַלטן זיך אַלע אין וואַרימע בעטן און שלאָפן און חלומען זיס...

און נאָר דער אַלטער וועכטער אין די זיבן פעלצן בלייבט אין גאַס אַליין, פון אַלעמען אַ פאַרלאָזענער.

זיצט ער דאָ נאַכט אויף נאַכט. ס'גאַנצע לעבן אַזוי אויף דער אַלטער פּלומפּ. דער אַלטער וועכטער אין די זיבן פעלצן, און ציילט די שטערן און טרינקט פון פלעשל...״

ווערט דאָ פאַרשלאָפן דער אַלטער וועכטער, מיט זיין מידן קאָפּ אויף דער ברוסט. שלאָפט ער געשמאַק. בלייבן זיצן די קינדער מיט צעעפנטע מיילער, מיט פאַרטרערטע אייגעלעך פון רחמנות און מיט אַ צערייצטער בענקעניש...

לאָזן זיי שלאָפן דעם אַלטיטשקן גוטן וועכטער מיט די זיבן פעלצן און וואַנדערן ווייטער איבערן שטעטל.

בילן ווילדע הינט און האָוקען מיט כּעס פון פאַרצוימטע הויפן און גערטנער אויף דער וואַנדערנדיקער קינדער-מחנה...

לויפן זיי גיך און אין איילעניש אַוועק פון די שאַרפע הינטישע ציין, קומען זיי אָן העט-העט הינטער דער שטאָט, דאָרט וואו דער טייך האָט זיך איינגעטוליעט אין דער נאַכט און שלאָפט, אַ דערשראָקענער. און לאַנגע שורות אַלטע ביימער שטייען און ציטערן, אַז ס'זאָל נישט אָנקומען דער מאָרגנשטערן און דערציילן פאַר אַלעמען זייער סוד...

צעוויינט זיך איצט מאַשעלע, וויינט שוין אויך שלמהלע און שׂרהלע — וויינען און שרעקן זיך אַלע צוזאַמען.

— וואוהין וועלן מיר איצט גיין?

— וועלן קומען גזלנים מיט שארפע מעסערס...

— וועט קומען די חברה מיט די גרויסע טארבעס...

— וועלן קומען מכשפות שלעכטע און פארוואנדלען אונדז אין זשאבעס גרינע...

— וועלן קומען... וועלן קומען...

— וואוהין וועלן מיר גיין ?



ה י י ם

א מאמע — א הויקער...

ליבעלעס מאמע איז אזוי גרויס ווי א מינוט, א הויקערדיקע איז זי...

טרעט זי נישט אריבער קיינמאל איבער דער שוועל פון שטוב. באהאלט זיך אויס פון מענטשנס אויגן און אין אלע געננג באהעלפט זי זיך מיט איר ליבעלען.

נאר אין די הייסע זומערדיקע פארנאכטן זעט מען ווי עפעס א מאדנע באשעפעניש, ווי א פעקעלע א קליינס, מיט שרעקלעך גרויסע אויגן, זיצט אויף א קליין בענקעלע פאר דער שוועל פון זייער שטוב. דאס האט זיך ליבעלעס הויקערדיקע מאמע אהערגעזעצט איננ־דרויסן איינצוזאפן אביסל פרישע לופט...

אז ר׳איז געווען נאך א קליינינקער, ליבעלע, האט ער זיך נישט שטארק גענומען צום הארצן דאס וואס זיין מאמע איז אזא הויקערדיקע: געמיינט אז אלע מאמעס זענען אזעלכע... ערשט אז ר׳איז אונטערגעוואקסן, אנגעהויבן גיין אין שול, איז ער געוואויר געווארן, אז זיין מאמע איז אנדערש פון אלע מאמעס.

באלד אין די ערשטע טעג האבן אים די קינדער באווארפן מיט פראגעס, מיט וועלכע ר׳האט זיך נישט געקאנט קיין עצה געבן:

— זאג, ליבעלע, האסט עפעס ליב דיין מאמען? — —

— פארוואס גייט די מאמע דיינע קיינמאל נישט ארויס פון שטוב?..

— ליבעלע שעמט זיך צו גיין שפאצירן מיט זיין מאמען, ר׳שעמט זיך, ר׳שעמט זיך...

— אנו קום אהער וועט מען זען צי עס וואקסט ביי דיר אויך א הויקער...

— אהא, ר׳איז שוין א גרויסער ליבעלע, נאך גרעסער פון זיין מאמען...

אויף דעם אלעם האט ליבעלע גארנישט געענטפערט, נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן, בלויז רויט געווארן איז ער, גלייך ווי אפגעשמירט מיט רויטער פארב... זענען אבער די אלע פראגעס געבליבן ביי אים אין די אויערן, אריינגערוקט זיך אין קאפ אריין, געטראכט וועגן זיי און וואס אמאל האבן זיי אים שטארקער וויי געטון.

האט ער איצט, ליבעלע, אנגעהויבן זיך גוט איינצוקוקן אין זיין הויי־

קערדיקער מאמען, און יעדעס מאל, גלייך ער וואלט איר צום ערשטן מאל געזען:

— וואס פאר א טרויעריקע זי איז! וואס פאר א פנים זי האט, מיט אזעלכע טיפע, איינגעפאלענע אויגן! קיינמאל גיט זי נישט קיין לאך און נישט קיין שמייכל צומאל. צי דערפאר, וואס ז׳איז געבוירן געווארן א הויקערדיקע? צי דערפאר וואס דער טאטע איז אוועק ערגעצוואו, ווען לייבעלע איז נאך א קליינער געווען? פארוואס, פארוואס איז די מאמע אזא טרויעריקע שטענדיק?.. ווער איז דאס דער שטיפער וואס האט געמאכט אז ס׳זאל וואקסן א הויקער ביי מיין מאמען אויף די פלייצעס, ווער איז דאס דער שטיפער?..

האט זיך לייבעלען אפטמאל אויסגעוויזן, אז דאס איז אזוי געשען כדי ווינע חברים זאלן קאנען לאכן און רייצן זיך מיט אים... האט ער זיי פיינט באקומען און אויסגעמיטן...

צי איז ער דען אזא נאר, לייבעלע, אז ר׳זאל דערציילן דער מאמען זיינער פון דעם אלעם וואס די חברים טוילן אים אויס אין שול און אז זיי מאכן זיך הויקערס פון פאפיר אויף די הפסקות?.. נישט א ווארט האט ער דערציילט, גארנישט, אבער די מאמע האט שוין אזוי אויך אלין פארשטאנען און פון אלץ געוואוסט — זי האט עס דערקענט אויף זיין פנים — האט עס איר הויי געטון, פארוואס לייבעלע מוז ליידן איבער איר הויקער...

און נאך פאר א זאך האט זי זיך געשראקן:

— אפשר שעמט זיך גאר לייבעלע מיט זיין הויקערדיקער מאמען... אפשר גאר?.. און דעריבער רופט ער נישט אהיים אין שטוב קיינמאל ווענעמען פון זיינע חברים... עס קען זיין — — —

זי האט ליב געהאט, שטארק ליב געהאט איר לייבעלען, דער איינציקער איז ער געווען ביי איר, אבער דערפאר, וואס זי האט געמיינט, אז ער שעמט זיך מיט איר, האט זי קיינמאל נישט ארויסגעוויזן, אז ז׳האט אים ליב, קיינמאל אים נישט געצערטלט, קיינמאל אים נישט געפיעשטשעט מיט ליבלעכע ווערטער, ווי אלע אנדערע מאמעס...

האט לייבעלע באמערקט, אז די מאמע זיינע ווערט טרויעריקער און שווייגנדיקער פון טאג צו טאג, זיצט אין די זומערדיקע פארנאכטן לאנג, לאנג פאר דער שוועל מיט פארלייגטע הענט און מאכט זיך אז זי שלאפט...

זיצט לייבעלע נעבן איר. דאס הארץ ווערט אים פארשרומפן פון רחמנות צו זיין ארימער מאמען, ס׳הויל זיך אים וויינען, שטארק וויינען פאר איר, אבער ער ווייסט נישט פון וואס און ווי אזוי ער זאל מיט איר רעדן...

א, ווען די חברים זיינע, זאלן איצט א קוק טון, אויף זיין הויקערדיקער מאמען, וואלטן זיי שוין קיינמאל נישט געלאכט פון איר און אויך נישט פון אים...

לייבעלע האט זיך דערפילט שלעכט און שולדיק וואס די פלייצע איז ביי אים דוקא א גלייכע, א גלאטע און וואס ער וואקסט אויס א שלאנקער, א הויכער... האט ער יעדעס מאל, פארן איינשלאפן, אהינטער געבראכן די הענט און געטאפט, לאנג געטאפט די פלייצע צי ס'וואקסט נישט ביי אים אויך א הויקער... אים האט זיך אויסגעוויזן, אז ווען ער זאל אויך זיין א הויקערדיקער, וואלט אים די מאמע זיינע ליבער געהאט און זי וואלט נישט געווען אזוי טרויעריק...

פלעגט זיך דעריבער אים אפטמאל חלומען ביינאכט, אז ר'האט פלוצים באקומען א הויקער, א קליינינקער, א פיטשינקער איז ער. ביז צום טיש גרייכט ער קוים. האט אים די מאמע אזוי ליב, זי קושט און האלדזט אים גאנצע טעג און זי באדויערט אים: „ביידע זענען מיר אומגליקלעך, ביידע... ביזט אזוי אומגליקלעך ווי דיין מאמע, מיין קינד" — — — — — — — — —

אמאל איז געקומען צופארן א צירק, א גרויסער, אין שטעטל אריין, מיט חיות פארשידענע. האט ער זיך געבעטן לייבעלע ביי דער מאמען, מיט טרערן אין די אויגן, אז זי זאל אויך גיין מיט אים, אבער ס'האט נישט געהאלפן. ז'האט אים נאר געגעבן געלט אויף א בילעט און געזאגט:

— גיי אליין, מיין קינד, דיין מאמע איז קראנק... דער קאפ טוט מיר וויי...

איז ער אליין געגאנגען לייבעלע, געלאכט פון די פאיאצישע שטיק און קונצן און געקוקט מיט אנטציקונג אויפן לייב, העלפאנט און נאך אנדערע חיות. אבער צום מערסטן האט געווירקט אויף אים דער לעצטער נומער פון דער פארשטעלונג.

א קעמל האט מען געוויזן... איז ער געשטאנען אן אומבאוועגלעכער, דער הויקערדיקער קעמל, אויף דער בינע מיט זיין לאנגן רחמנותדיקן האלדז, מיט דעם אראפגעלאזענעם קאפ און מיט דעם צעקנייטשטן פנים, גלייך ווי ר'וואלט זאגן:

— „נא, זעט אלע, כ'בין א הויקער, אן אומגליקלעכער און מיאוסער הויקער..."

לייבעלע איז אויפגעציטערט געווארן, ס'האט זיך אים אויסגעוויזן, אז נישט א קעמל, נאר זיין הויקערדיקע מאמע שטייט דארט אויף דער בינע... ר'האט זיך פארשטעלט די אויגן און איז ארויס פון צירק...

לאנג און פאוואלינקע האט לייבעלע דעם פארנאכט געבלאנדזשעט איבער די גאסן פון שטעטל. ווען א סך זאכן האט ער נאכגעטראכט און גארנישט באמערקט, וואס עס טוט זיך ארום אים...

דעם זעלבן אוונט האט זיך די מאמע זיינע פרי געלייגט שלאפן, דער

קאָפּ האָט איר טאַקע ווי געטאָן און לייבעלע איז געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט און מיט פאַרבן האָט ער עפּעס אויפגעמאָלן אויף אַ דעקל פון אַ שאַכטל.

אַ קלייניקן קעמל האָט ער אויסגעמאָלן מיט אַ גרויסן הויקער, מיט אַ לאַנגן דינעם האַלדז און מיט אַ מענטשלעך פּנים איז ער אַרויסגעקומען... אַזאַ ליידנדיקער און רחמנותדיקער פּנים איז עס געווען, אַז ר׳האָלט ביי יעדן איינעם רחמנות דערוועקט... — — —



ס׳אינגעלע מיטן אַרויסגעשטעקטן צינגעלע

ווער ווייסט דען נישט, אַז אַ צינגעלע האָט נישט קיין ביינער. און אַז סיי אַ אינגעלע, סיי אַ מיידעלע, האָט זיך זיין צינגעלע. ביי אַנדערע אינגעלעך אָבער, ליגן די צינגעלעך צווישן די ציינער און שווייגן, נישט מ׳הערט זיי און נישט מ׳זעט זיי. דאָס אינגעלע, פון וועלכן כ׳וויל דערציילן, האָט שטענדיק געהאַלטן זיין צינגעלע אין דרויסן, האָט געמעגט רעגנען, דונערן און בליצן.

און ווער שמועסט נאָך, אַז ר׳האָט זיך גענומען עפעס צו אַן אַרבעט, לייענען אָדער שרייבן, דעמאָלסט האָט שוין ס׳צינגעלע געטאַנצט ביי אים אין אַלע זייטן, גלייך ווי ס׳וואָלט אים צוגעהאָלפן אין דער אַרבעט, און באַלעקט די ליפן, ווי זיי וואָלטן געווען באַשאָטן מיט צוקער, צי מיט האָניק באַשמירט...

דאָס אינגל האָט געוואוסט, אַז ס׳איז נישט אַזוי שטאַרק שיין אַרומצואַרבעטן תמיד מיטן צינגעלע, אָבער ר׳האָט זיך נישט געקאָנט דערפון אָפּגעוואוינען. שטענדיק איז ער שוין געווען אַזאַ פאַרקלערטער, אַ צעמישטער, מיטן דאַשעק אין אַ זייט.

נו, האָבן אַלע געלאַכט פון אים, געלאַכט, געוויצלט זיך און אויף אים געזונגען:

אינגעלע מיטן רויטן צינגעלע
גיב אויף דיין נאָז אַ בליק,
ועסטו דערזען דאָרט אַ מיק,
אינגעלע מיטן רויטן צינגעלע.

האָט עס אים פאַרדראָסן, ווי געטון, האָט ער געוויינט און ברוגז געוואָרן מיט זיינע חברים.

און אַמאָל, אין אַ הייסן זומער־טאָג, איז דאָס אינגעלע פאַרשלאָפן געוואָרן אויף זיין בעטעלע, מיטן רויטן צינגעלע אינדרויסן, ווי ס׳איז געווען זיין געוואוינהייט.

און אין שטוב רויש, זשומען פליגן מיט נאָך אַנדערע פלי־ווערימלעך. זוכן זיי עפעס אויף טיש, אויף בענק און ווייט אַוועק, וואו ס׳האָט נאָר אַן עק, און געפינען נישט. מסתמא זוכן זיי אַ טרונק, טראַכטן זיי, אַז איבגעטריקנט זענען געוואָרן מיטאַמאָל אַלע טייכן און וואַסערן, פון באַרג און פון טאָל. זשומען זיי און זשומען :

— „פון דורשט וועלן מיר שטאַרבן"...

דערזעט אַ פליג אַ רויטע זאַך אויף אינגעלעס בעט. פאַרזוכט זי מיטן צינגעלע און זעט, אַז ס'איז געשמאַק. פליט זי באַלד אַנזאָגן אַלע פליגן, אַז זי האָט אַ נייעם קוואַל אַנטדעקט.

איז דער קוואַל אינגעלעס צינגעלע...

קומען פליגן פון אַלע זייטן און טרינקען פון אינגעלעס צינגעלע, ווי פון אַ קוואַל. טרינקען, פליען אַוועק און קומען ווידער. און וואָס מער זיי טרינקען — אַלץ מער עס שלאָגט אַ דערקוויקנדיק געטראַנק פון אינגעלעס צינגעלע...

און דאָס אינגעלע ליגט און שלאָפט און פילט, אַז עפּעס געשעט דאָ מיט אים, אַרום אים, און ס'אַרט אים נישט. ס'איז אים גוט אַזוי.

נאָר אָט קומען זיי וואָס אַמאָל מער, וואָס אַמאָל מער, פון אַלע שטיבער, פון דער גאַנצער שטאָט קומען זיי. נאָך אַ מינוט וועלן זיי אים אינגאַנצן אויסטרינקען, וועט ער בלייבן ליגן מיט אַ טרוקענעם האַלדז — אַ דערשטיקטער...

ער וויל זיך ווערן, פאַרטיידיקן, נעמט ער אַ האַנטוך און טרייבט זיי, יאָגט זיי, אָבער זיי ווילן נישט אַוועק, זיי שרעקן זיך נישט פאַר אים. מיטן גאַנצן כּוח פירט ער מלחמה מיט אַ גרויסער מחנה פליגן, אָבער ר'קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט זיי. אַנטלויפט ער אַרויס אין גאַס, און די פליגן — נאָך אים. אָט, אָט דערגרייכן זיי אים.. נאָך אַ טריט, איין טריט נאָך, נעמט ער שרייען, רופן הילף — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַז דאָס אינגעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַ טאַפּ געטון מיט דער האַנט זיין פּנים, האָט אַ זשומע געטון אַזוי ווי פון אַ בינען־שטאָק. ר'האָט זיך אויף אַ רעכטן אמת געהאַט דערשראָקן.

ר'האָט באַשטימט נקמה צו נעמען פון די פליגן.

צווישן דער מחנה זשומענדיקע פליגן, האָט ער דערזען גאָר אַ גרויסע פליג, אַ ברען, אַ פליג מיט אַ גאָלדענעם בויך. פּאַוואָלינקע האָט ער זיך אונטערגעשאַרט. אַ פּאַטש געטון מיט דער האַנט — און שוין האָט די פליג געצאַפּלט, געוואָרפן זיך אין אינגעלעס האַנט.

דאָס אינגעלע האָט איר באַטראַכט פון אַלע זייטן און געפרעגט מיט רציחה:

— ביזט אַן עלטסטער צווישן די פליגן?

— יאָ, איך בין דער אָנפירער — האָט די פליג געזשומעט.

— וועל איך דיך הרגענען.

— פאַרוואָס?

— ווייסט נישט? ווייל דו רעדסט מסתּמא אָן אַלע פליגן זיי זאָלן מיך בייסן.

— נישט בייסן ווילן מיר דיך, מיר זענען נאָר דורשטיק געווען...

— טאָ פאַרוואָס פירסטו זיי נישט צו אַנדערע אינגלעך?

— ווייל אַנדערע אינגלעך האַלטן די צינגעלעך אין מויל...

— אַזוי גאָר?

— פּיזט דאָך דאָס אינגעלע מיטן אַרויסגעשטעקטן צינגעלע!..

— וועל איך דיך טאַקע באַלד הרגענען.

— הרגע מיך נישט אינגעלע, האָב רחמנות, האָב רחמנות —

האָט דאָס אינגעלע געמאַכט זיך אַ האַרץ פון אַ גזלן און נישט געהערט דאָס געבעט פון דער פליג. ער האָט אַרויסגעשטעקט דאָס צינגעלע זיינס פון גרויס כעס און האָט אַרונטערגעריסן די פליגעלעך ביי דער פליג און געקליבן זיך איר אַרויסצודרייען די פיסעלעך.

נו, האָבן די איבעריקע פליגן, די שטיפערס, שוין גוט פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו ראַטעווען זייער אָנפירער פונם אינגעלעס גזלנישע הענט. האָבן זיי אים באַלאַגערט פון אַלע זייטן און גענומען אים קיצלען מיט זייערע צינגעלעך אָן רחמנות. האָט זיך די פליג מיטן גאָלדענעם בויך אַ ריס געטון און אַרויס מיט אַ לאַבעדיק געזשומעריי.

ערשט איצט האָבן זיך אַלע פליגן אויף אַ רעכטן אמת צעזשומעט מיט פרייד, און דעם אינגעלע האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי זינגען אויף אים אַ לידעלע:

האָב רחמנות אינגעלע
לאָז טרינקען פון דיין צינגעלע...
האָב רחמנות אינגעלע
לאָז טרינקען פון דיין צינגעלע...

דאָס אינגעלע האָט געפילט אַז די פליגן האָבן אים אָפּגענאַרט און זיי לאַכן פון אים, זיי שפעטן פון אים. איז דאָך אַ חרפה און אַ בושה... וואָס טוט מען איצט? ווי רירט מען זיך? ווי וועט ער קענען אַ קאָפּ אויפהייבן?..

האָט זיך דאָס אינגעלע געשטאַרקט און געזאָגט מיט אַלע כּוחות דריי מאָל, אַז טיר און טויער האָבן געציטערט:

איך וועל זיך אָפּגעוואוינען!
איך מוז זיך אָפּגעוואוינען!
איך וועל זיך אָפּגעוואוינען!

— און וואָס מיינט איר איז געווען דער סוף?

ר׳האָט זיך אָפּגעוואוינט...



ז ל מ ן ו ו אַ ס ע ר צ ו ג

בעניטאָ האָט געוויינט

שטענדיק, ווען בעניטאָ איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי, איז זיין מאַמע נאָך געשלאָפן. די שטוב־מיידל האָט אים גרייט געמאַכט דעם פרישטיק און אים אַלין צוגע־גרייט וואָס ער באַדאַרף מיטנעמען מיט זיך אין שול.

אונטן, פאַר דעם פאַראַדנעם אַריינגאַנג, האָט שוין געוואַרט אויף אים דער גלאַנציקער אויטאָ, אין וועלכן מ׳קען זיך שפיגלען. דער שאָפער פלעגט אים באַגריסן מיט אַ ליבלעכן שמייכל אויפן פנים, גלייך ער, בעניטאָ, זאָל זיין דער בעל־הבית פון דעם אַלעם. אויפגעעפנט פאַר אים די טיר פון אויטאָ און זי אויך פאַרמאַכט.

אין אַ ווילע אַרום האָט דער מאָטאָר אָנגעהויבן לייכט צו ברומען, גלייך ווי אַ הונט, ווען ער ווערט אין כעס. און זיי זענען געפאָרן מיטן באַ־קאַנטן וועג אין שול אַריין.

מיט אַ גרינגקייט האָט זיך דער אויטאָ פאַרקירעוועט פון איין גאַס אין דער צווייטער, און בעניטאָ איז געזעסן אין דעם פאַרמאַכטן קאַסטן אַן אומעטיקער, געהוידעט זיך אויף דעם ווייכן געזעס און פאַרטראַכטערהייד געשפילט זיך מיטן סאַמעטענעם מאַלפעלע, וואָס האָט זיך געבאַמבלט אויפן הינטערשטן פענסטערל.

איבער אַ סך, אַ סך גאַסן איז דער אויטאָ געפאָרן, אָבער בעניטאָן האָט נישט גענומען קיין חשק אַרויסצוקוקן. געוואָלט האָט ער גראַד יאָ אַלץ גוט באַטראַכטן, וואָס עס טוט זיך אינדרויסן, אָבער וואָס קען מען דען שוין גרייכן צו באַקוקן, אַז דער אויטאָ האַלט אין איין לויפן און יאָגן זיך? האָט ער שוין בעסער אינגאַנצן נישט געקוקט.

אַ, וויפיל מאָל בעניטאָ האָט מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן ביי זיין מוטער, אַז זי זאָל אים דערלויבן אַמאָל צופוס גיין אין שול אַריין... כ׳וויס דאָך גוט דעם וועג, אַנדערע קינדער גייען דאָך אויך צופוס... אָבער זי האָט עס אים קיינמאָל נישט דערלויבט.

אַזוי ווי שאָטנס האָבן דורכגעשוועבט פאַר אים הייזער, מענטשן, קינ־דער, און בעניטאָ האָט זיי מקנא געווען... אָט זיי אַלע גייען צופוס, אַליין גייען זיי...

אַז זיי זענען אָנגעקומען צו דער שול, האָט אים ווידער דער שאָפער געעפנט די טיר פונם אויטאָ, איבערגעלאָזט אים אַ זיסן: „ביז שפּעטער, בעניטאָ!" און איז נישט אַוועקגעפאָרן, ביז בעניטאָ איז שוין געהאַט אַריין אין שול־הויף...

דאָס איז געווען אַ ספּעציעלע שול פאַר רייכע קינדער מיט אַ גרויסן גאָרטן און פאַרשיידענעם שפּיל־געצייג, וואו זיי האָבן געלערנט און געשפּילט זיך צוזאַמען מיט די לערערינס, וואָס האָבן זיי געהיט, אַז זיי זאָלן נישט אַרויס אויף דער גאַס.

אָפטמאָל פלעגט זיך בעניטאָ אַוועקגאַרן פון די שפּילן, אַרויפדראַפּען זיך אויפן געזימס פונם געמויערטן פּאַרקאַן און אַרויסקוקן אויפן גאַס. קיינמאָל איז אים נישט אויסגעקומען צו גיין אויף דער גאַס אַליין, ווי אַנדערע מענטשן טוען עס.

האָט אַלץ פון יענער זייט גאָרטן געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט, געטרייצט און פאַרוואונדערט אים.

איז געווען בעניטאָס גרעסטער וואונטש, אַז מיטיק־צייט, ווען די לעקציעס ענדיקן זיך און ר'וועט אַרויס אַהיימגיין, זאָל ער נישט טרעפן דאָרט דעם שאָפער ווייערן מיטן אויטאָ, וועט ער אַוועקגיין אַליין צופוס און לאַנג, לאַנג, און וויים וועט ער גיין און אַלץ גוט באַטראַכטן און באַקוקן...

אָבער בעניטאָס וואונטש האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט. שטענדיק, ווען ער פלעגט אַרויסגיין אין דרויסן, נאָך די לעקציעס, פלעגט אין דער לאַנגער שורה אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן געוואַרט אויף זיינע חברים אויך, וואַרטן אויף אים זייער אויטאָמאָביל.

זיצט ער ווידער אין דעם פאָרמאַכטן, שמעקנדיקן אויטאָ און אין קאָפּ פלאָנטערט זיך דער נייער זאַץ פון דער היינטיקער פראַנצויזישער לעקציע.

איצט, אין דער מיטיק־שעה, איז די באַוועגונג אין די גאַסן גרעסער, ווי אינדערפרי, פאָרט דער אויטאָ פּאַוואָלינקע און בעניטאָ קען אַלץ בעסער באַטראַכטן דורך דער אַראָפּגעלאָזענער שויב.

אָבער ווי אַנדערש אַלץ מוז אויסקוקן, אַז מען גייט צופוס, צוזאַמען מיט די אַלע וואָס יאָגן און שטויסן זיך פון ביידע זייטן גאַס!

אַמאָל, פאָרנדיק אַהיים איז געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכעס:

לאַנג האָט דער אויטאָ געמוזט שטיין און נישט געקענט דורכפאָרן, ווייל אין מיטן וועג איז געלעגן אַ פערד אויסגעצויגן. בעניטאָ האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענסטער און אַלץ געשלינגען מיט אַ שטאַרקן נייגיר.

די גאַס איז געווען פאַרפלייצט פון קינדער און ווייסע באַלאַטלעך מיט די ביכער-טאַשן אין דער זייט. צום ערשטן מאָל האָט בעניטאָ געקאָנט באַטראַכטן אַזוי פיל קינדער פון דער נאָענט. זיי האָבן געלאַכט, גערעדט, גע־שטיפט אַזוי פריילעך און קיינער האָט זיי נישט געהיט און געזאָגט, אַז ס׳איז נישט שיין...

האָט ער אויך געוואָלט אַראָפּגיין פון אויטאָ און באַקוקן דאָס אויסגע־צויגענע פערד, וואָס וויל זיך נישט אויפשטעלן, אָבער דער שאָפער האָט אים נישט געלאָזט, געוואָרנט אים, אַז ר׳וועט דערציילן דער מוטער — איז ער נישט געגאַנגען.

בעניטאָ האָט געמאַכט צו די קינדער מיט די הענט, גערעדט, גערופן זיי, אָבער צום אויטאָ איז קיינער נישט צוגעגאַנגען. זיי האָבן עטלעכע געקוקט אויף אים מיט אַזעלכע גרויסע אויגן, פול מיט נייגיריקייט און פרעמדקייט, און געשוויגן...

בעניטאָ האָט פון זיין לעדערנער ביכער-טאַש אַרויסגענומען אַ רויטן עפּל, וואָס איז אים געבליבן און האָט אים אַ וואָרף געטון צו די קינדער. איז אָבער דער עפּל נישט דערגאַנגען צו די קינדער, ר׳האָט זיך פאַרקייקלט אין רינשטאָק אַריין און דאָרט געבליבן ליגן...

האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפן געזעס און אַרויסגעקוקט פון אַ זייט צו די פאַר אים פרעמדע קינדערלעך, און שפּעטער, אַז דער אויטאָ האָט זיך דערווייטערט פון יענעם אָרט, האָט ער מיט אַ בענקעניש נאָכגעקוקט די קינדער דורך דעם הינטערשטן פענסטערל ביז דער אויטאָ האָט זיך פאַר־קירעוועט...

ווי פריילעך, ווי אַנדערש זיי זענען פון אים. עלטערע און אויך יונגערע פון אים און קיינער היט זיי נישט, קיינער נישט... פאַרוואָס מעגן זיי גיין צופוס יעדן טאָג אין שול און אַהיים פון שול? פאַרוואָס?..

בעניטאָ איז אַרויפגעגאַנגען אויף די מאַרמאָרנע טרעפּ פון זייער משאַלעט, אַ פּאַרמאַטערטער, ווי קיינמאָל נישט. דאָס ווייסינקע, געוואַשענע פודעל-הינטל, וועלכעס ר׳האָט שטאַרק ליב, איז אויך היינט אַרויסגעלאָפן אים באַגעגענען מיט פרייד, אָבער ר׳האָט עס מיטן פוס אָפּגעשטויסן, איז עס אַוועק מיט אַ געקוויטש.

די שטוב-מיידל, וואָס רעדט מיט אים נאָר פראַנצויזיש, האָט אים גע־

רופן, אז ר׳זאל גיין עסן מיטיק, האט ער נישט געוואלט גיין, ר׳האט געזאגט, אז דער קאפ טוט אים וויי.

ר׳האט זיך אנידערגעלייגט אויף זיין בעטל. די שטוב־מיידל איז געבליבן לעבן אים.

— זאל איך אייך, בעניטא, לייענען לעגענדעס?

ער האט געשאקלט מיטן קאפ אויף ניין.

— זאל איך אייך, בעניטא, שפילן אויף דער פיאנא?

ניין, האט ער געשאקלט מיטן קאפ.

— זאל איך־אייך ברענגען דאס שפיל־געצייג?

— זאל איך אייך, בעניטא, מאכן א קאלטן קאמפרעס צום קאפ?

— מ׳דארף נישט, כ׳וויל זיין אליין!..

די שטוב־מיידל האט אים פארלאזט.

פון דער שטיג, וואס איז געהאנגען אויפן באלקאן האט זיך געהערט דאס טרויעריקע געזאנג פון די קאנאריקלעך. און בעניטא האט צום ערשטן מאל דערפילט, אז ס׳איז אים דא טרויעריק און ענג...

— ..... פון אלע מיינע שפילוואַרג וואס מ׳קויפט מיר, פון דעם ווייסן הינטל, פון דער שטוב־מיידל וואס רעדט מיט מיר פראנצויזיש, האב איך נישט מיט וואס און מיט וועמען זיך צו שפילן...״

ס׳איז אים פון דעם אלעם טרויעריק געווארן, ביז גאר טרויעריק געווארן...

האט ער זיך אויסגעדרייט, בעניטא, צו דער וואנט, איינגעגורעט דעם קאפ אין קישן און שטיל זיך צעוויינט...



ווען וועלוול העלפט דער מאמען...

זעט וועלוול, אז די מאמע זיינע איז פארווארפן מיט ארבעט פון אלע זייטן און ווייסט נישט צו וואס זיך נעמען, ווייל ער איר מיט עפעס העלפן. איז אבער די זאך, אז צו וואס ער רירט זיך צו, לאזט אים נישט די מאמע און טענהט:

— מיין העלפער, מ'שטיינס געזאגט! זע נאר, אז די זאלסט מיר נישט טון קיין שאדן אין שטוב, וועט שוין אויך גוט זיין...

פארדריסט עס וועלוולען ביז גאר: וואס? האב איך דען ליימענע הענט? פארוואס קען איך דען נישט העלפן?

רעכנט ער זיך אויס און געדאנק אלע זאכן, וועלכע ער וואלט געקענט אליין טון אזוי גוט ווי די מאמע: אויסקערן די שטוב, אנגיסן דעם קרוג מיט פרישן וואסער איבער וועלכן די מאמע ציטערט אזוי און פלאטערט, צוזאמענלייגן דאס בעטל זיינס, וואס אויף נאכט שטעלט מען עס אויף, נייען אויף דער מאשין, און אפשיילן עטלעכע קארטאפל צום מיטיק וואלט ער דען נישט געקענט?..

אמת איז, אז וועלוועלעס מאמע ווייסט גאנץ גוט פארוואס זי שרעקט זיך פאר זיין העלפן. ערשט נישט לאנג האט ער מיט א שלעפ ביים טישטוך אראפגעווארפן און צעבראכן עטלעכע גלעזער מיט טעלערלעך און זיך דערצו גוט אפגעבריט. און ווי לאנג איז ערשט, אז ער האט צעבראכן דאס עלעקטרישע לעמפל, אויסגעדריקט א שויב אין פענסטער ביים כאפן א זומער־פייגעלע און צעבראכן א פלאש מיט בוימאייל אויפן וועג פון קלייט אהיים?

וועלוול אבער מיינט, אז דאס איז נישט גערעכנט, ווייל דאס איז אומגערן, ביים שפילן זיך.

וויפיל מאל גליטשען זיך ארויס טעלערלעך פון דער מאמעס הענט און ווערן צעבראכן אויף שטיקלעך?

פארדריסט עס וועלוועלען און עס טוט אים ווי פארוואס די מאמע האלט אים דעריבער פאר א שלים־מזל, און ער קען איר מיט גארנישט העלפן.

אבער פונדעסטוועגן מאכן זיך שוין אזעלכע טעג, ווען די מאמע מוז זיך ארויסהעלפן מיט וועלוועלען, ווייל זי האט נישט קיין אנדערע ברירה, בלייבט

דעמאָלט וועלוועלע אַ צופרידענער און מיטן גאַנצן כּוח פּלייסט ער זיך אַז ס׳זאָל גוט אַרויסקומען.

ערשט נעכטן האָט די מאַמע אַוועקגעגעבן די שיך צום שוסטער צורעכט צו מאַכן, האָט זי נישט אין וואָס אַרויסצוגיין אין קלייט איינקויפן. האָט שוין וועלוועלע געבראַכט מילך, פלייש, ברויט, פּרובט און אַלץ וואָס מען דאַרף.

שמייכלט די מאַמע אין אַ זייט, באַהאַלטן און טראַכט:

— מ׳קען זיך דאָך אַמאָל אַרויסהעלפן מיט וועלוועלען און האָבן אַ גאַנג פון אים. אַט האָט ער גאַרנישט פאַרלוירן, גאַרנישט צעבראָכן און ריכטיק געבראַכט אַ רעשט. באַקומט זי ביסלעכווייז צוטרויען צו וועלוועלען און ער ווייסט דערפון, איז ער שטאָלץ ביי זיך און צופרידן.

זאָגט די מאַמע:

— וועלוועלע, נאָך איין גאַנג וועל איך דיך שיקן. וועסט מיר נאָך ברענגען מעל, אַ קילאָ מעל צום מיטיק.

קוועלט שוין גאָר אָן וועלוועלע פון אַזעלכע דבורים. כאַפּט ער אַ באַנאַנע פון קוישל אין איין האַנט, דאָס געלט אין דער צווייטער און שפּרינגט אַרויס אויף איין פוס.

צוריקוועגס איז געשען עפּעס אַ שלעכטע זאַך:

אַ שטיקל באַנאַנע־שאָלעכץ האָט זיך אים צוגעקלעפּט צום שוך און ער האָט זיך איבערגעגליטשט.

אַזוי ווי אַ בליץ איז אים אַדורך אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז די שאָלעכץ פון דער באַנאַנע שטאַמט גאָר פון זיין באַנאַנע, וואָס ער האָט ערשט גייענדיק אין קלייט אויפגעגעסן, און אַז ער איז זיך אַליין שולדיק אין דעם, וואָס ס׳איז געשען... ער האָט זיך טאַקע נישט שטאַרק צעקלאַפּט ביים פאַלן, אָבער דערפאַר איז געשען אַזעלכעס, וועלכעס האָט וועלוועלען נאָכמער ווי געטון. אונטער אים איז געלעגן דער פּאַפּירענער ביטל אַ צעפּלעטשטער און דאָס מעל צעשאָטן איבערן ברוק.

האָט וועלוועלע געוואָלט אַלץ איבערלאָזן, אַזוי ווי ס׳איז, און אַנטלויפן פון בושה, אַנטלויפן ערגעצוואו, אַז קיינער זאָל גאַרנישט וויסן וואו ער איז אַהינגעקומען.

גוטע מענטשן אָבער, דורכגייער, האָבן רחמנות געהאַט אויף אים, האָבן זיי געבראַכט אַ צווייטן ביטל פון קרייט און ביסלעכווייז אויפגעקליבן די צעשאָטענע מעל פון זאַמדיקן ברוק...

וועלוועלע האָט גוט געוואוסט, אַז מיט דעם מעל וועט אים שוין אַזוי גלאַט נישט אָפּגיין. וועט ווייס צי די מאַמע וועט נישט דערקענען אַז דאָס מעל איז זאַמדיק? טאַ וואָס האָט ער דען געזאָלט טון?.. איז ער אַהיימגעגאַנגען מיטן מעל.

און אַט שטייט שוין די מאַמע מיט פאַרקאַשערטע אַרבל פאַרן טייגברעט און באַקוקט, קנעט דאָס טייג.

— איז עס אַ חסד — האָט זיך געטראַכט וועלוול — וואָס ביי זיי אין

שטוב איז טונקל. נישטאָ קיין פענסטער. ווען נישט דאָס, אַהאָ, וואָלט זי באַלד דערזען, די מאַמע, וואָס עס טוט זיך אין מעל...

וואָס וועט אָבער ווייטער זיין? צי וועט מען אין עסן נישט דערפילן דעם זאַמד, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין מעל אַריין?

אַ שניים שוין די מאַמע, פון די אויסגעוואַלגערטע בלעטער, לאָקשן.



קומען זיי אַרויס אַזעלכע טרוקענע, האַרטע, אַז זיי קלינגען אַזש אויפן ברעט, אַז מ'קען זיי ציילן...

וואָס וועט זיין? נאָך קיינמאָל נישט האָט ער זיך אַזוי גוט צוגעקוקט צו דער מאַמען, צו אַלע אירע באַוועגונגען ווי היינט. וואָס וועט זיין, אַז מ'וועט דערפילן אין עסן אַז די לאָקשן זענען זאַמדיק?.. צו גאַרנישט וועט מען אים שוין נישט צולאָזן, און אַמתער שלים-מזל וועט ער ווערן אין שטוב...

*

*   *

דער טאַטע איז שוין געקומען אויף מיטיק. זיצט ער ביים טיש און עסט. די מאַמע אויך. וועלוועלע לאָזט נישט אַראָפּ פון זיי זיין בליק — ער פאַרשט זיי...

ערעם עסט דער טאַטע מיט אַ האַלבן אַפּעטיט, קייעט פויל, און אַלע ווײַלע נימט ער אַזאַ מאַך מיטן קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט באַקומען פּלוציים אַ שטאָך מיט אַ שפּילקע... און די מאַמע עסט ערעם אַזוי שווייגנדיק, קוקט אַזוי ערנסט, האָרכט זיך איין, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט געוואויר ווערן וואָס פאַר אַ טעם עס האָבן די לאָקשן... זיין ברודערל עסט אינגאַנצן נישט...

ווייס שוין איצט גוט וועלוועלע וואָס עס געשעט. צום בעסטן פילט ער אַליין ווי די לאָקשן קנאַקן צווישן די ציין, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען געקנעטן פון גלאָז. מאַכט ער זיך נישט וויסן און קייעט מיט אַ געמאַכטן אַפּעטיט, אָנשעפּנדיק אַ פולן לעפל מיט אַמאָל...

פּלוציים האָט גאָר דער טאַטע אַוועקגערוקט דעם טעלער, ער עסט נישט מער.

— פאַרוואָס עסטו נישט?

— ס'הונגערט מיך נישט.

פאַרשטייט וועלוול, אַז דער טאַטע זאָגט אַ ליגן, ער איז זיכער יאָ

הונגעריק, נאר ער וויל נישט פארשעמען דער מאמען און זאגן אז די לאקשן זענען זאמדיק...

שווייגט דער טאטע, און עס שווייגט די מאמע, און וועלוועלע קייעט אלין אריין אין זיך די זאמדיקע לאקשן און פילט שוין גארנישט. אז זיי זענען זאמדיק. דאס גאנצע לעבן, ביז אייביק וועט ער שוין אזוי זיצן און קייען, קייען אן אויפהער, אן אויפהער...

האט זיך שוין דער טאטע אנגעטון דאס רעקל און גייט צוריק צו דער ארבעט א הונגעריקער...

ערשט איצט האט ער זיך דערפילט א שולדיקער וועלוול און ער האט גארנישט געוואוסט ווי אזוי ער זאל זיך פון זיין שולד אויסקויפן. יא, דער איינציקער אויסוועג איז דערציילן אלין דער מאמען.

האט ער געפילט, אז דער האלדז ווערט ביי אים פארשטאפט, עס שטיקט אים, האט ער אוועקגעלייגט דעם לעפל. יא, ער וועט, און מוז זאגן דער מאמען, אלין וועט ער איר דערציילן.

האט ער אנגעהויבן צו שטאמלען:

— איך... מאמע... איך... האב... אויסגעשאטן... — און פארענדיקט מיט א כליפעריי.

— טא, וואס האסטו זיך אזוי צעוויינט שלים-מזל מיינער?

דאס מאל האט וועלוועלען גארנישט געארט וואס די מאמע רופט אים שלים-מזל.

— דאס מאל האב איך פארדינט — האט ער געטראכט — כ'בין אליין שולדיק...

צוויי סוחרים...

עס איז שוין עטלעכע חדשים, אַז יונהלעס טאַטע אַרבעט נישט — ר'האָט נישט קיין אַרבעט.

ער שטייט אויף פאַרטאָג, קויפט אַ צייטונג און קוקט שנעל אַדורך די צווייטע זייט, צי עס פאָדערן זיך נישט מענטשן אויף באַשעפטיקונג, פאַרצייכנט ער עטלעכע אַדרעסן און לויפט אַוועק אין איילעניש.

און ערשט אַרום האַלבן טאָג, ווען די זון גליט און ברענט צום שטאַרקסטן, קומט ער צוריק אַ דערשלאָגענער, אַ מידער, אַ פאַרברענטער פון דורשט, מיט ליידיקע שווערע הענט, מיט פּוסטע קעשענעס און אַ פאַרזאָרגטן פּנים.

— וואָס וועט זיין?

די מאַמע אַרבעט אַ גאַנצן טאָג. זי וואַשט וועש און טוט וואָס זי קען, אָבער עס קלעקט נישט. עס איז נישט גענוג אויסצוהאַלטן די שטוב.

פאַרשווינדן צוביסלעך די זאַכן פון דער שטוב. ערשט נעכטן האָט דער טאַטע, אַ שווייגנדיקער, איינגעפּאַקט זיין בלויען אַנצוג אין אַ צייטונג און אַוועקגעטראָגן ערגעצוואו צו פאַרקויפן. דעם גראַמאָפאָן מיט די פּלאַטן און די ניי־מאַשין האָט ער שוין פון לאַנג געהאַט אַוועקגעפירט.

ווערט אין שטוב אַלץ טרויעריקער, די גרויסע שאַנק פּוסטער, און דער טאַטע רעדט גאָרנישט, נאָר ער קרעכצט אין דער שטיל ביי טאָג, און נאָכמער ביי נאַכט, ווייל ער קען נישט שלאָפן.

— וואָס וועט זיין?

אַלע טראַכטן וועגן דעם: דער טאַטע, די מאַמע... יונהלע.

הײנציק צייט בלייבט איצט יונהלע אין שטוב, שטענדיק איז ער אין דרויסן, אויפן הויף, צי אין גאַס מיט נאָך אַנדערע קינדער, און די מאַמע זאָגט אים גאָרנישט, שרייט נישט ווי אַמאָל...

די מאַמע איז אַלעמאָל אַ גוטע, אָבער דער טאַטע, גלייך ווי ר'וואָלט ברוגז געוואָרן מיט אים.

אַמאָל, ווען דער טאַטע פלעגט אַהיימקומען פון דער אַרבעט, האָט ער אים גענומען צו זיך אויף דער קני, געקושט אים און געזונגען אים רוסישע

לידער מיט אַזעלכע שיינע מעלאָדיעס. און היינט — גאַרנישט, נישט ער קוקט זיך אַרום אויף אים, אַזוי ווי עס וואָלט נישט געווען זיין טאַטע, נאָר אַ פרעמדער גאַר...

— צי איז דען דער טאַטע אין כּעס אויף מיר? — טראַכט יונהלע — וואָס בין איך דען שולדיק?

אַ נישט דרייסטער, אַ שעמעוודיקער פילט זיך יונהלע אין שטוב. מעג ער זיין ווי הונגעריק, וועט ער נישט בעטן עסן...

ליינט זיך יונהלע אָפּט שלאָפן אַ הונגעריקער.

קומט אים אויפן געדאַנק אַמאָל זונטיק, ווען דער טאַטע און ער זענען געפאָרן אין „באַלנעאַריאַ", וואו עס זענען פאַראַן אַלערליי שפּילערייען. ער זיצט אויף אַ פערדל פון דער קאַרוזעל מיט נאָך אַ סך קינדער. דערנעבן שטייט דער טאַטע, שטרעקט ער אים די האַנט און וויל אים אַ גלעט געבן, דעם טאַטן, פון דאַנקבאַרקייט, אָבער ער קען נישט. די קאַרוזעל דרייט זיך און ער קען אים נישט דערגרייכן. וואָס שנעלער עס דרייט זיך די קאַרוזעל, אַלץ מער און מער עס דערווייטערט זיך פון אים דער טאַטע זיינער... נאָך אַ קאַפּיטשקע, נאָך אַ פינטעלע בלויז, און דערנאָך וועט ער אים מער נישט זען — — —

צומאָרגנס, אַז די מאַמע איז געשטאַנען אין הויף ביי דעם קראַן און געריבן פרעמדע, פאַרשוויצטע וועש, האָט ער איר פאַרטרויעט אַ פּלאַן, ווי אַזוי ער זאָל פאַרדינען געלט:

— אַ סך חברים מיינע פאַרקויפן אין גאַס פאַרשידענע זאַכן, ווער — ספּינקעס, בענדלעך צו שיך, ווער שמעקעוודיקע זייף, פעדערס, בליישטיפטן. דעם „טערקס" אינגעלע, איסאַק, האָט ערשט נעכטן דערציילט, אַז ער האָט פאַרדינט נאָכמער פון אַ פעזע מיט פופציק סענט אין איין טאָג. וויל איך אויך האַנדלען, פאַרקויפן אין גאַס. ס'איז דאָך וואַקאַציעס היינט, גיי איך סיי ווי נישט אין שול...

האָט די מאַמע אויסגעהערט אַ שווייגנדיקע יונהלעס פּלאַן, געלט צו פאַרדינען, און געטראַכט אין זיך:

— גוטע, גאָר גוטע צייטן זיך דערוואַרט אין אַמעריקע, אַז איר יונהלע זאָל זיין דער פאַרדינער, דער פרנסה־געבער...

אויף אַ ווײַלע נאָר האָט זי איבערגעריסן דאָס וואַשן אָפּצואווישן זיך דעם שווייס, צוזאַמען מיט די טרערן, וואָס האָבן געקאַפּעט פון אירע אויגן.

געבליבן איז, אַז ר'זאָל פאַרקויפן טשאָקאָלאַטינעס, צוקערלעך און קאַראַמעלעס, ווייל דאָס איז אַזאַ זאַך, וואָס יעדער איינער וויל עס קויפן און מ'קען דערביי גוט פאַרדינען.

טאַקע נאָך דעם זעלבן פאַרנאַכט איז שוין יונהלע געגאַנגען איבער דער גאַס מיט אַ קליין שאַכטעלע אויף דער האַנט, אין וועלכן ר'האָט געטראָגן די גאַנצע סחורה, וואָס די מאַמע האָט אים איינגעקויפט פאַר אַ פעזע...

אין זיבעטן הימל איז ער געווען יונהלע. אָט באַלד וועט ער אָנהויבן פאַרדינען. ס'גאַנצע געלט וועט ער אָוועקגעבן דער מאַמען. נייע, שיינע

וועלטן האָט ער דערזען פֿאַר זיך, עס זענען צוריקגעקומען די גוטע צייטן פֿון אַמאָל, ווען ר׳איז געזעסן בײַם טאַטן אויף דער קני און געזונגען אים רוסישע מעלאָדיעס...

האָט ער צוגעדריקט צו זיך דאָס קעסטעלע סחורה, ווי עפּעס אַן אוצר, מיטן געדאַנק, אַז אָט די קליינינקע טשאָקאָלאַטינעס קענען מאַכן צוריק־געווינען זיין טאַטן, און די מאַמע וועט שוין נישט דאַרפֿן מער וואַשן פֿרעמדע וועש...

איז ער געגאַנגען פֿון קאַפֿע צו קאַפֿע און פֿאַרגעשלאָגן זיין סחורה. אַלע קאַפֿעען זענען איבערפֿולט מיט מענטשן, אָבער קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים. האָט ער דעריבער העכער, און מיט מער איינגע־שפּאַרטקייט, גענומען אויסרעכענען די סחורות וואָס ער האָט:

— „קאַראַמעלאָס, טשאָקאָלאַטינעס״ !..

אָט שטייט ער פֿאַר אַ רייכן קאַפֿע. דאָ וועט מען זיכער קויפֿן — איז ער אַריין.

אַ גרויסער און אַ טיפֿער איז ער, דער קאַפֿע. מענטשן מיט גלאַנציקע קעפּ זיצן בײַ די מאַרמאָרנע טישלעך און טרינקען קאַלטע געטראַנקען דורך דינינקע שטרויעלעך. הויבט ער אָן אין איין עק און ער האָט שוין דער־גרייכט ביזן צווייטן עק, און קיינער האָט גאָרנישט געקויפֿט...

אָבער באַלד, ווי ווײַזט עס זיך אים בלויז אויס, אָדער וואָס?!.

דאַכט זיך — — — נישט אַמאָל?..

קוקט ער און קוקט — יאָ, טאַקע דער טאַטע זיינער... דער טאַטע! וואָס טוט ער דען דאָ?!.

יונהלע האָט געוואָלט אַרויסלויפֿן פֿון קאַפֿע, אָבער ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. דער טאַטע האָט אים שוין געהאַט דערזען און געקוקט אויף אים מיט אַזעלכע צעשראָקענע אויגן און מיט אַזאַ בלייכן פּנים...

יאָ, איצט ווייס ער שוין יונה וואָס דער טאַטע זיינער טוט דאָ אין רייכן קאַפֿע. ער האַלט אויך אַ שאַכטעלע אין דער האַנט, אויך ער האַנדלט מיט דעם זעלבן, אויך דער טאַטע פֿאַרקויפֿט טשאָקאָלאַטינעס, אויך ער...

עזרא מזיק

אַך גאַר אַ יונגיטשקער און אַ קליינינקער איז עזרא.

וואוינען די עלטערן זיינע אין אַ ענגן, פינצטערן צימערל. אין שפרונג — און שוין קלאַפּט מען אָן מיט דער נאָז אין דער וואַנט...

איז עזרא אַ לוסטיקער און אַ פרייליכער, ווייל ער קיינמאָל נישט בלייבן אין טונקעלן צימערל, נאָר אין דרויסן, אין הויף, צוזאַמען מיט אַנדערע קינדערלעך, וויל ער זיין.

יאָ, דער הויף איז אויך אַ קליינינקער, אַ שמאָלינקער, אַזוי ווי אַ גרויס קעסטעלע פון שוועבעלעך קוקט ער אויס, אָבער דערפאַר איז דאָרט ליכטי־קער. פון אַלע זייטן איז מויער, ווענט, הייזער, וואו עס וואוינען מענטשן פרעמדע, ברוגזע מיט פאַרמאַכטע טירן, און נאָר בלויז אין דער הויך איז אָפן — זעט מען אַ ברעקעלע הימל...

איז טיילמאָל די זון נייגעריק צו וויסן וואָס עס טוט זיך דאָרט אין הויף, וואו עס וואוינט עזרא. קלעטערט זי אַרויף הויך אויפן הימל און קוקט אַראָפּ גלייך אין הויף אַריין, קוקט, לאַכט און שטיפט מיט אירע וואַרעמע, פריי־לעכע שטראַלן, אַלע זאָלן ווערן לוסטיקע, פריילעכע שטיפערס — וויל זי האָבן...

איז דער גרעסטער מזיק דאָרט — עזרא. אַלע מינוט טראַכט ער צו עפּעס אַ נייע שפּיל.

טאָר מען אָבער נישט צופיל שטיפן דאָרט אויפן הויף, ווייל אַרום און אַרום וואוינען פרעמדע מענטשן, אינטן און אין דער הויך וואוינען זיי, ווערן זיי אין כעס, אַז די קינדער מאַכן אַ רעש, אַ טומל.

פון דעם ערשטן טאָג, זינט זיי וואוינען דאָרט, איז עזרא אַ חבר מיט די קינדערלעך און זיי האָבן אים ליב. איז ער דער אָנפירער מיט אַלע קינדערלעך.

ווייל עזרא מיט זיי שפּילן און זעלנער, נעמט ער אַ בלעך פון נאַפט און אַלע קלאַפּן מיט די הענטלעך אין איר, אַזוי ווי אַ פּויק, נאָך שטאַרקער:

— גין־גאָן! גין־גאָן! גין־גאָן!

און אַלע קינדערלעך לאַכן און פרייען זיך, וואָס עזרא קאָן צוטראַכטן אַזעלכע שיינע שפּילן.

ווערן די שכנים אין כעס פון עזראַס שפּילן. שטייען שוין אַלע אין די פענסטער און שרייען, מאַכן מיט די הענט און רעדן אַזעלכע ווערטער וואָס עזרא און די קינדער פאַרשטייען נישט.

פויקט עזרא ווייטער אין דער בלעך פון נאפט:

— גיך־גאן! גיך־גאן!

קומען באלד עזראס עלטערן און כאפן אים אין צימערל אריין.

טענהט צו אים די מוטער:

— עזרא מיינער, פארוואס טוסטו דאס? מ׳טאר דאך נישט. פויק נישט מער, עזרא, זיי וועלן אונדז פון דאנען אינגאנצן ארויסווארפן, וועלן מיר נישט האבן וואו צו שלאפן...

עזראס טאטע און מאמע ווייסן אליין, אז עס איז גוט צו פויקן אין א בלעך פון נאפט, מען ווערט דערפון פריילעכער, אבער זיי שרעקן זיך פאר די איבריקע שכנים.

און פארוואס מעגן דארטן ביי זיי די ווייסינקע הינטעלעך האוקען:

— האוו־האוו, האוו־האוו!

זאגט עזרא:

— מאמע, איך וויל זיין בעסער א הינטעלע...

— מאמע, איך וויל זיין א טישעלע...

— מאמע, איך וויל זיין א בעזים...

לאכט עזראס מאמע פון זיינע קלוגע, נארישע רייד און עס שטעלן זיך איר טרערן אין די אויגן...

— גיי נישט אין הויף, עזרא לעבן!

איז שוין אבער עזרא צוריק אין הויף און די מאמע מאכט זיך נישט קוקן...

דאס מאל רייט עזרא אויף א בעזים איבער די גלאטיקע „מאסאיקאס" און זינגט עפעס א לידל, וואס ער אליין טראכט צו אויפן ארט.

קומט ווידער עזראס מאמע און טראגט אים אריין אויף די הענט, ווייל די „ענקארגאדעכע" אליין איז געקומען בעטן, אז זי זאל אים בארואיקן...

רייסט זיך עזרא פון דער מוטערס הענט:

— לאז מיך, מאמע, כ׳וועל שוין נישט. כ׳וויל נאר דערציילן וויוויאנען די מעשהלע מיט דער ווייסער קאטשקעלע".

נאך ערגער איז אויף דער נאכט. דעמאלט מוז מען זיין נאך שטילער און פארזיכטיקער ווי בייטאג, אז עס קומט נאך צען אזייגער טאר מען שוין קיין הויך ווארט נישט אויסרעדן...

ריכט זיך קיינער נארנישט, מ׳ווייסט נישט פון וואו און וואנען, דער־הערט זיך פלוצים א געשריי, אדער א געזאנג — דאס האט זיך עזרא אזוי צעזונגען.

בעטן זיך ביי אים דער טאטע מיט דער מאמען:

— עזראשע קרוין, מ׳טאר דאך נישט, עס איז שוין נאך צען אזייגער, אלע שלאפן שוין, מארגן מוזן זיי גאנץ פרי אויפשטיין צו דער ארבעט.

קוקט עזרא אויף זיי מיט לאכנדיק־שטיפעריש בלויע אויגן און פאר־שטייט זיי נישט:

— פאַרוואָס נישט טאָרן הוינען, שרייען, אַז מ'גיט זיך אַ בים אין צינ־געלע אַריין ביים עסן?..

— פאַרוואָס עפּעס נישט טאָרן זינגען אָדער האָפּקען אַז עס ווייל זיך?..

קען זיך עזראַ נישט אויפן זייגער. ווייסט ער נישט צי עס איז נאָך פאַר צען צי נאָך צען...

פון שלאָפן גיין וויל ער גאָרנישט טראַכטן. ערשט איצט, ווען מ'טאָר נישט אַ צו הויכן וואָרט אַרויסלאָזן פון מויל, ווייל זיך אים ערשט אויפסניי אַ שטיף טון:

— מאַמע, זינג יענץ לידעלע פון דעמאָלט, ווייסט שוין, ווען ס'איז מיר געגאַנגען בלוט פון נאָז...

— קום, טאַטע, וועל איך דיך פאָטאָגראַפירן.

נאָר איין איינציק מיטל איז פאַראַן, אַז עזראַ זאָל וועלן גיין שלאָפן. אַז מ'לייגט אים אַוועק אַ גוטע זאַך אונטערן קישן, אַ זאַך וואָס געפעלט אים, מאַכט ער עטלעכע דריידלעך אויפן דיל פון שמחה און לאָזט זיך באַלד אויסטון.

אַז עס ליגט עפּעס אַ גוטע זאַך אונטערן קישן, איז אַ מחיה צו שלאָפן. אַ גאַנצע נאַכט טראַכט מען דערפון, עס חלומט זיך. מיטן קעפּעלע דריקט מען צו דאָס קישן, אַז קיינער זאָל עס נישט אַפּירנעמען און אין דער פרי, רוקט מען אַרונטער די האַנט אונטערן קישן און מ'האָט אַ גוטינקע זאַך צום עסן אָדער צו שפּילן זיך...

עזראַ ווייסט דערפון. אָבער אַ גוטע זאַך מוז עס זיין, טאָ וואָס איז דען נאָך בעסער פון אַ טשאָקאָלאַטין?..

אַ קיכל איז טאַקע אויך נישט קיין שלעכטע זאַך, אָבער בעסער איז אַ טשאָקאָלאַטין...

עס איז שוין שפּעט ביינאַכט און עזראַס טאַטע איז נאָך נישט געקומען פון דער אַרבעט. זיין ברודערל עקיבא שלאָפט שוין. עזראַ ליגט אויך שוין אין בעטל, אָבער ער שלאָפט נישט, עס איז הייס. קען ער נישט אַנטשלאָפן ווערן. ליגט ער אויפן געלעגער און דריקט צו דאָס קישן, אַז קיינער זאָל אים נישט אַרויסכאַפּן דעם טשאָקאָלאַטין...

אויפן טיש שטייט דעם טאַטנס נאַכט־עסן, איבערגעדעקט מיט אַ טעלער און וואַרט אויף אים.

אויף אַ שטול זיצט עזראַס מאַמע, זי שרעקט זיך און דאָס האַרץ קלאַפּט. אַזוי פיל טראַמוואַיען, אויטאָמאָבילן און שווערע וועגנס פאָרן אין שטאָט...

זי האָט מורא געהאַט צו טראַכטן דערפון...

איז זי אַרויס אין דרויסן. אויף דער טיר וועט זי שטיין און וואַרטן אויף אים. אויף עזראַס טאַטן, ביז ער וועט אָנקומען.

ליגט ערזאַ און קען נישט שלאָפן, עס איז אים הייס. אַ שווייס באַ־דעקט אים.

גיט ער אַ קוק צום טשאָקאָלאַטין. אָט האַלט ער אים שוין אין הענטעלע.

וואָס פאַר אַ בילדל קען ליגן אין דעם טשאַקאַלאַטין? עפּעס אַ בילדל מוז דאָך ליגן, אָבער גיי טרעף!

ווער ווייסט דען נישט, אַז אין אַ טשאַקאַלאַטין מוז ליגן אַ בילדל?

עפנט ער פּאַוואָלינקע, פּאַוואָלינקע, און עס פאַלט אַרויס: אַהאַ! שוין איינמאָל אַרויס אַ בילדל!..

וויל עזראַ ווייזן עמיצן דאָס שיינע בילדל, וואָס ער האָט געפּאַקט, איז אָבער קיינער נישטאָ אין שטוב: דער טאַטע — נישטאָ, די מאַמע — נישטאָ און עקיבא שלאָפט, שנאַרכט.

וועמען זאָל ער עס ווייזן?

האָט דאָך עזראַ אַ קליינינקע הברטע, וויזוויאַנאַ, וואָס וואוינט אויף יענער זייט וואַנט, און אויך זי זאַמלט זיך בילדלעך פון טשאַקאַלאַטינעס.

קלאַפּט ער אין דער וואַנט און שרייט:

— ויזוויאַנאַ! וויזוויאַנאַ!

הערט נישט וויזוויאַנאַ, ווייל די וואַנט איז אַ האַרטע און אַ דיקע.

גייט עזראַ אַרויס אויפן הויף און וועקט זיין קליינינקע הברטע וויזוויאַנאַ.

שרייט ער וואָס אַמאָל העכער, קלאַפּט אין דער טיר וואו עס וואוינען וויזוויאַנאַס עלטערן, אָבער מען ענטפערט נישט.

און פון גאַנצן הויז שטייען שוין מענטשן אין די פענסטער און שרייען אַראָפּ צו עזראַן און בייזערן זיך איבער אים...

וואָס אַרט עזראַן, אַז מ׳שריים איבער אים, אַז ער האָט אַזאַ שיין בילדל געפונען אין היינטיקן טשאַקאַלאַטין...

אַז ערזאָס מאַמע איז געקומען מיטן טאַטן, האָט נאָך עזראַ אַלײן געקלאַפּט און גערופן: — וויזוויאַנאַ! ויזוויאַנאַ!

דער גאַנצער הויף האָט זיך געקאָכט, געשטורעמט, און עזראַ האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס זיי שרייען אַזוי — — —

צומאָרגנס איז שוין עזראָס טאַטע נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. דעם זעלבן טאָג האָבן זיי זיך געמוזט פון דאָרטן אַרויסציִען און זיך אויסזוכן אַ וואוינונג...

אַז דער וואָגן איז שוין געשטאַנען אָנגעפּאַקט מיט דעם ביסל אָרימע זאַכן וואָס זיי האָבן, האָט נאָך עזראַ אַלײן נישט פאַרשטאַנען וואָס עס איז געשען:

— פאַרוואָס מאַמע, גייען מיר אַוועק פונדאַנען, פון וויזוויאַנאַן? פאַר־וואָס מאַמע? — — —



שול

אין קלאַס

בילדלעך

ווער הייסט פאַרוואָס לייבל איז היינט נישט געקומען?

— ר'איז יאָ געקומען. דאָרט אויף דער לעצטער באַנק זיצט ער.

טאַקע אויף אַן אמת. אַזוי שטיל און רואיק האָט ער זיך היינט אַוועקגעזעצט, אַז מ'ווייסט נישט, צי ר'איז דאָ צומאָל— אין קלאַס. לייבל, דער גרעסטער שטיפער אין קלאַס, איז היינט טרויעריק.

— פאַרוואָס ביזטו אַזוי פאַרשלאָפן לייבל?

ער שווייגט.

— ס'האָט דיך ווער געשלאָגן?

— ניין.

— ס'האָט זיך דיר עפּעס געחלומט ביינאַכט?

— ניין.

— ס'איז עמיצער נישט געזונט ביי אייך אין שטוב?

— ניין.

— האָסט פאַרשפּילט אין בילדלעך?

— יאָ. אַלע בילדלעך פאַרשפּילט.

אַ פולן אַלבום מיט בילדלעך האָט ער שוין געהאַט, בלויז עטלעכע נומערן האָבן אים געפעלט צו באַקומען אַ פּרעמיע. נו, טוט אים באַנג וואָס ר'האָט פאַרשפּילט, אָבער ס'איז פאַרפאַלן...

צי לייבל וועט שוין זיין אַ רואיקער פון היינט אָן — דאָס ווייס קיינער נישט. און ער אַליין — אויך נישט.

אז עס קומט צום שרייבן, האָט איציק נישט קיין בליי־פעדער.

— וואו האָסטו אַהינגעטון דיין בליי־פעדער?

לאָזט איציק אַראָפּ דעם קאָפּ און גראָבלט עפּעס אין די טאַשן זיינע. עפּעס איז געשען נאָר ר'וויל נישט אויסזאָגן.

- דער שכן זײַנער פֿון דער באַנק ווײַס און ער זאָגט:

— איציק האָט זיך געביטן מיט פֿעדראָן. פֿאַרן בלײַפֿעדער האָט ער באַקומען אַ בלעכן פּושקעלע פֿון גראַמאָפֿאָן־שטיפֿטלעך.

איציק נעמט אַרויס ס׳פּושקעלע און ווײַזט עס.

— טאַקע אַ שיין פּושקעלע, אָבער מיט וואָס וועסטו איצט שרײַבן?

— וועל איך שרײַבן אינדערהיים.

— איצט שרײַבן אָבער אַלע קינדער.

פֿעדראָ האָט צוויי בלײַפֿעדערס, זאָגט ער, אַז ר׳וועט אים באָרגן איינעם.



נאָר ר׳וויל האָבן, אַז איציק זאָל זיך שווערן, אַז ר׳וועט אים נישט צונעמען.

ווײַסט איציק נישט ווי אַזוי צו שווערן, זאָגט ער:

— „כ׳וועל אָפּגעבן, כ׳וועל אָפּגעבן"!

גלייבט אים פֿעדראָ אַזוי.

נאָר פֿעדראָ גיט אים נישט דעם בלײַפֿעדער, וועלכן ר׳האָט אויסגעביטן אויפֿן פּושקעלע, נאָר זײַן אייגענעם גיט ער אים. אַזוי איז ער זיכערער...

גאָלדע דערציילט, אַז זעליק האָט צוגעגנבֿעט קרייד פֿון קעסטל.

— ס׳איז אמת, זעליג, וואָס גאָלדע זאָגט אויף דיר?

— ניין, לערער, אַ ליגנערקע איז זי, גאָלדע.

גאָלדע לויפֿט צו און טאַפּט אָן זעליקס קעשענע, וואו ס׳ליגן צוויי שטיקלעך קרייד.

זעליק האָט טאַקע אין דער קעשענע צוויי שטיקלעך קרייד, נאָר גענבֿעט האָט ער זיי נישט. זעליקס טאַטע האָט אַ קלייט, האָבן זיי צו פֿאַרקויפֿן קרייד, האָט אים זײַן טאַטע געגעבן...

זעליק פֿילט זיך באַליידיקט, דראָעט ער גאָלדען, אַז בײַם אַרויסגיין פֿון קלאַס, וועט ער איר צעדראַפּען דאָס פּנים און אויסה[illegible]קן אַלע ציינער.

אַלע קינדער שרײַבן, נאָר בערל שרײַבט נישט. ער אַרבעט עפּעס אונטער דער באַנק.

— פֿאַרוואָס שרײַבסטו נישט בערל?

— דער קאָפּ טוט מיר וויי.

— טאָ נעם די ביכער און גיי אַהיים, וועסטו זיך לייגן שלאָפֿן.

— גוט, כ׳גיי.

אַז ר׳איז שוין בײַ דער טיר, דרייט ער זיך אום און זאָגט, אַז ס׳טוט אים שוין מער נישט וויי.

זיצט בערל צוריק אויף זיין ארט, אבער ער שרייבט נאך אלץ נישט.

— בערל, פארוואס שרייבסטו נישט? דער קאפ טוט דאך דיר מער נישט וויי.

— ס'גלוסט זיך מיר נישט שרייבן.

— וואס דען ווילסטו טון?

— כ'וויל בעסער צייכענען.

— גוט, צייכן.

אין א שטיקל צייט ארום ברענגט בערל דעם לערער אן אנגעצייכנט בלעטל פאפיר, עס זעט זיך דארט: א סך מענטשן, איינציקע ווייַנען.

— וואס האסטו אנגעצייכנט, בערל?

— כ'האב אנגעצייכנט ווי זיי טראגן אוועק מיין געשטארבענע באבע.

אלע ווערן נייגיריק און לויפן צו זען, וואס בערל האט איפגעצייכנט. קיינער זאגט נישט ס'איז גוט, אדער שלעכט, אבער אלע ווערן טרויעריק דערפון.

ווערט בערל ביי זיך גרויס, צעקנייטשט ער דאס פאפירל, ווארפט עס אוועק און זאגט:

— אז כ'וויל קען איך נאך בעסער אנצייכענען...

באקומען שוין אלע השק צו צייכענען.

נפתלי האט אנגעצייכנט די שיף, מיט וועלכער ר'איז געקומען צופארן פון פוילן.

— זייער א שיינע שיף. און נאכוואס דעם שווארצן פלעק דא?

— דא בין איך געשטאנען און ארפגעקוקט אין וואסער אריין צו די פישעלעך...

נפתלי זאגט, אז „זיין" שיף האט זייער שטארק געקענט פייפן, און ער וויל טאקע באלד נאכמאכן, אבער דער לערער בעט זיך אפ ביי אים:

— שפעטער אויף דער פויזע וועסטו ווייזן...

חיים האט אנגעצייכנט ווי א טראמוואי פארט איבער א קינד.

אמאל האט א טראמוואי טאקע איבערגעפארן חיימס שוועסטערל, איז זי א הינקענדיקע פון דעמאלסט אן...

לערער, ר'האט מיר צוגענומען ס'ביכל, דוד!

— גיב אים אפ ס'ביכל, דוד, רייַן זיך נישט!

— צו וואס טויג אים א ביכל, אז ר'קען סיי ווי נישט לייענען?..

— כ'קען טאקע נישט לייענען, אבער מיין מאמע האט באצאלט פארן ביכל...

אינמיטן לייענען הערט זיך פלוצים א שטארקער פייף.

— ווער האט געפייפט?

— קיינער נישט.

— ווער האט געפייפט?

— איך נישט.

— איך אויך נישט.
— ווער דען?
— יונה האט געפייפט.
— שטעל זיך אויף יונה! פארוואס האסטו עס געטון?
— כ׳האב נישט געוואלט... כ׳האב פארגעסן.

ס׳איז אמת. אלץ פארגעסט ער, יונה: ר׳האט פארגעסן ווי זיין שוועסטערל הייסט און אלע טאג פארגעסט ער ס׳היטל אין קלאס...

וואס ווילסטו מאשע?
— כ׳וויל דעקלאמירן ס׳לידעלע: „בין איך מיר א שניידערל״.
— גוט. באלד וועסטו דעקלאמירן.

מאשע קען זייער שיין דעקלאמירן...

מלפהלע לויפט צו, גלייך א שלאנג וואלט איר נאכגעיאגט און געוואלט בייסן.
— לערער, שניידער זאגט אויף מיר אז כ׳בין א מיאוסע.
— ר׳זאגט א ליגן שניידער. מלפהלע איז זייער א שיין מיידעלע.

מלפהלע גייט צוריק אויף איר ארט א צופרידענע...

נו, איצט לייגט אוועק די ביכלעך מיט די העפטן.
— אוי, א מעשהלע, לערער, א מעשהלע, א מעשהלע — שרייען אלע.
— גוט, בארואיקט זיך, וועל איך דערציילן.
— אוי, לערער, די מעשהלע מיטן אינגעלע, וואס האט פארבלאנדזשעט אויף דער לבנה...

שוין א סך מאל, אז זיי האבן געהערט דערציילן די מעשהלע און זיי ווילן איר נאך אלץ הערן און הערן. ס׳איז טאקע א שיינע מעשהלע.

שהייגן אלע און הערן.

שרהלע בעט זיך, אז דער לערער זאל נאכאמאל אנהויבן פון אנהויב, ווייל זי איז געווען פארטראכט.

האט דער לערער אנגעהויבן פון אנהויב. אבער שרהלע הערט אויפסניי נישט.

— פון וואס טראכט שרהלע?

זי טראכט פון איר נייער קליידל, פון דער זופ, וואס די מאמע קאכט היינט אויף מיטיק און פון דעם, אז זונטיק וועט זי די מאמע מיטנעמען אין ביאגראף...

איסר שפילט זיך גאר איצט אין א שוסטער. האט ער זיך אויסגעטון בײדע שיך, ער מאכט זיי צורעכט און זינגט זיך א לידעלע דערביי.

אלע זענען אין כעס אויף איסרן פארוואס ר׳לאזט נישט גוט אויסהערן די מעשהלע. עס קען זיין אז איסר הערט גוט אויס די מעשהלע, און אין דער

היים וועט ער יעדעס וואָרט דערציילן דער מאַמען, אָבער זיצן לײַדיק און אויסהערן — קען ער נישט...

אָט האַלט שוין דער לערער... „ווי מאַמעלע קוקט אַראָפּ פון דער לבֿנה אויף זייער שטוב און זעט, אַז זיין מאַמע זעט שלעכט אויס, זי ברעכט זיך די הענט און וויינט: וואו איז מיין מאַמעלע? וואו איז מיין מאַמעלע"? —

ביי דער קליינער האַנטשע גלאַנצן שוין טרערן אין די אויגן, ביי מינען און ביי פערעלען — אויך...

פּלוצים הערט זיך דער גלאָק וואָס רופט אויף פּויזע. אָבער קיינער רירט זיך נישט פון אָרט.

— זאָל דער לערער דערציילן ווייטער.

— ענדיקן, לערער, ס'מעשהלע, ענדיקן...

נאָר איין בעני איז אַרויס פון קלאַס. ס'איז שוין פּויזע — זאָגט ער.

קוקן אַלע מיט רחמנות אויף בענין. ער ווייסט נישט וויסן וואָס עס איז געוואָרן מיטן אינגעלע מאַמעלע אויף דער לבֿנה... אַהאַ, ס'וועט אים באַנג טון, בענין, ס'וועט אים גוט באַנג טון — — —

ביים אַרויסגיין פון קלאַס וואָרט נפתלי אויפן לערער: ר'וויל ווייזן ווי אַזוי ס'האָט געפּייפט „זיין" שיף.

מיט צוויי פינגער אויפן מויל גיט נפתלי אַ הויבן און אַ לאַנגן ברום. די מיידלעך כאַפּן זיך פאַר די אויערן.

— „מיין" שיף האָט געפּייפט נאָך טויזנט מאָל העכער.

נפתלי איז שטאָלץ מיט „זיין" שיף. אַלע טאָג דערמאָנט ער זיך עפּעס אַנדערש פון דער שיף. נאָר ווי זי האָט געהייסן די שיף קען ער זיך נישט דערמאָנען...

ס'קען זיין, אַז נפתלי וועט זיך נאָך דערמאָנען דעם נאָמען פון „זיין" שיף. ר'האָט צער דערפון, ס'טוט אים וויי — — —

לייזער דער פּעפּער

נישט עסן, נישט טרינקען, נישט שפּילן זיך, נישט שפּאַצירן גיין האָט לייזער ליב געהאַט, נאָר שלאָפן.

נאָך עס פריער איידער די זון איז פאַרגאַנגען, האָט ער זיך שוין געלייגט שלאָפן, לייזער. בײַ אים האָט עס געהייסן, אַז ער גייט זיך נאָר צושפּאַרן אַביסעלע, אָבער געשלאָפן איז ער שוין אַזוי ביז אינדערפרי.

און ערשט אינדערפרי האָט אים די מאַמע קיינמאָל נישט געקענט אַרויסקריגן פון בעט. וויפל זי האָט אים נישט געוועקט און וויפל ער אַליין, לייזער, האָט זיך נישט אָנגעשטרענגט איבערצואַוועקן, האָבן זיך אַלין די אויגן געקלעפּט בײַ אים פון שלאָף און ר'האָט זיך געבעטן:

— כ'בין דאָך גאַרנישט געשלאָפן, מאַמע. נאָך אַ קליין ביסעלע לאָז מיך...

האָט די מוטער זײַנע רחמנות געקראָגן אויף אים און אים געלאָזט נאָך אַ קליין ביסעלע שלאָפן — איז ער שוין אַזוי געשלאָפן, לייזער, ביז מיטיק און נישט געגאַנגען דעם טאָג אין שול.

און אַז ס'האָט שוין אַמאָל אָפּגעגליקט דער מאַמען אים אַרויסצושטעלן בצײַטנס פון בעט און שיקן אים אין שול אַרײַן, איז ער זיצנדיק אין קלאַס פאַרשלאָפן געוואָרן.

נישט דער לערער, און אויך נישט די קינדער, האָבן אים געפּרוּווט איבערוועקן, זיי האָבן שוין אים גוט געקענט און געוואוסט, אַז אויפצואוועקן לייזערן איז נישט גאָר קיין גרינגע זאַך... האָבן זיי אים געלאָזט שלאָפן ביז צום אַהיימגיין. ערשט דעמאָלט האָבן זיי אים אויפגעוועקט.

— פאַרוואָס שלאָפסטו אַזוי פיל, לייזער?

— ווייל כ'בין שלעפעריק, שלאָף איך.

— ווען וועסטו שוין זיין אַמאָל אויסגעשלאָפן?

— כ'ווייס נישט.

איז אַמאָל אַוועק אַ גאַנצע וואָך און לייזער איז קיין איין מאָל נישט איינגעשלאָפן אויף די לעקציעס. האָבן אַלע געמיינט אַז שוין, לייזער איז שוין אַן אויסגעשלאָפענער.

טרעפט זיך אַמאָל, בשעת אין שפּילן זיך, אַז די פּילקע איז אַרײַנגע־

פֿאַלן אין אַ צווייטן הויף. לויפֿט לייזער בּרענגען די פּילקע. וואַרטן אַלע און וואַרטן און לייזער קומט נישט. וואָס איז דען געשען?

אַז עס זענען אַריבּער אייניקע אויפֿזוכן לייזערן מיט דער פּילקע, האָבּן זיי אים געטראָפֿן ווי ער ליגט אויף דער ערד, מיט דער פּילקע צוקאָפּנס, און שלאָפֿט געשמאַק...

האָבּן זיי פֿאַרשטאַנען, אַז לייזער איז שוין צוריק געוואָרן, לייזער פֿעפֿער...

זענען געגאַנגען די קינדער און זיי האָבּן צוגעטראַכט אַ לידל אויף לייזערן:

שלאָף זיך אוים לייזער,
וועסט ווערן אַ קייזער.
שלאָף זיך אוים לייזער,
וועסט נישט זיין קיין בּייזער.

אָבּער לייזער האָט זיך נישט צום האַרצן גענומען די לידלעך, וואָס די קינדער האָבּן געזונגען אויף אים; ר׳האָט זיי אינגאַנצן נישט געהערט צומאָל, ר׳איז געשלאָפֿן...



און אַז ר׳איז נישט געשלאָפֿן, לייזער, איז ער אויך אַרומגעגאַנגען מיט אַ פּאָר שיכּורע אויגן, וואָס האָבּן געקוקט אין אַלע זייטן זיך אויסצוגעפֿינען אַן אָרט אויף אָנשפּאַרן זיך אַביסל און האָט אינגאַנצן נישט געהערט וואָס מ׳רעדט צו אים.

אַ שטיק וועג האָט לייזער געהאַט צו גיין אין שול אַריין, אָבּער נישט דער טאַטע און נישט די מאַמע האָבּן אים געוואָלט גיבּן געלט צו פֿאָרן מיטן טראַמוואַי, ווייל אַזוי ווי ר׳האָט זיך נאָר אַנידערגעזעצט אין טראַמוואַי, איז ער גלייך איינגעשלאָפֿן, און איז פֿאַרפֿאָרן, הע׳ט, הע׳ט, אין אַ ווייטער געגנט פֿון שטאָט.

און אַ טבע האָט ער געהאַט לייזער, אַז טאָמער האָט אים איינער אויפֿגעוועקט, האָט ער גאָרנישט געזאָגט, נאָר אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר קעלבּערנע אויגן גרויסע, וואָס האָט געמיינט צו־זאָגן:

— קוקט, צו וואָס האָט איר מיך אויפֿגעוועקט?..

— פֿאַרוואָס זענט איר אַזעלבע שלעכטע, אַז איר לאָזט נישט אַביסל אַ שלאָף טון?..

האָבּן זיך געזאָרגט טאַטע־מאַמע:

— וואָס וועט זיין פון אונדזער לייזער? וואָס וועט זיין פון אונדזער לייזער?

האָבן זיי אים אָוועקגעפירט צו אַ דאָקטער. און וואַרטנדיק דאָרט אויפן דאָקטער איז ער איינגעשלאָפן, לייזער. אַזוי געשמאַק גלייך ר'וואָלט שוין אַ חודש צייט נישט געשלאָפן און נישט דער דאָקטער און נישט די דאָקטערשע האָבן אים נישט געקאָנט איבערוועקן.

האָבן טאַטע־מאַמע געוויינט:

— גוטער דאָקטער, האָט רחמנות און היילט אונדז אויס אונדזער לייזער, אונדזער איין און איינציק קינד.

איז געגאַנגען דער דאָקטער און פאַרשריבן לייזערן אַזעלכע פּילן בריינע צום שלינגען.

און אַז לייזער האָט גענומען די פּילן און אַראָפּגעשלונגען עטלעכע פון זיי, איז אים באַפאַלן נאָך אַ גרעסערער שלאָף. איצט האָט שוין לייזער געקענט שלאָפן זיצנדיק און אויך שטייענדיק, בײַם עסן, בײַם וואַשן זיך און וואו נאָר ר'איז געגאַנגען און געשטאַנען. איצט איז שוין לייזער נישט געשלאָפן רואיק, ווי שטענדיק, נאָר געשמאַק געשלאָפן, געשלאָפן און געשנאָרכט דערצו...

האָבן טאַטע־מאַמע געהאַט הרפתות און בושות פון זייער איין איינציקן לייזער און זיך נישט געקענט העלפן.

זענען זיי געגאַנגען צו גאַסט מיט אים, האָט ער זיך דאָרט צעשנאָרכט, אַז מענטשן האָבן געלאַכט.

האָבן זיי אים מיטגענומען זונטיק בײַנאַכט אין ביאָגראַף אַריין, איז ער פאַרשלאָפן געוואָרן מיט אַזאַ געשנאָרך און געפּיף מיט דער נאָז, אַז מענטשן האָבן זיך געבייזערט און געשריען פאַרוואָס מ'לאָזט זיי נישט גוט אויסהערן די מוזיק... האָבן טאַטע־מאַמע געמוזט נעמען זייער שלאָפנדיקן לייזער אויף די פּלייצעס און אַהיימגיין מיט אים...

און אַמאָל איז געשען אַזוינס מיט לייזערן, אַז צייט די וועלט שטייט איז נאָך אַזעלכעס נישט פאַרלאָפן.

עס איז געווען דעמאָלט, ווען עס הייבן זיך אָן די וואַקאַציעס, זענען אַלע קינדער געקומען צו די עקזאַמענעס אויסגעפּוצטע, אָפּגעוואַשענע און לייזער אויך.

האָט עקזאַמינירט די קינדער דער אינספּעקטאָר אַליין, און אַ בייזער און אַ שטרענגער איז ער געווען, דער אינספּעקטאָר.

אַז עס איז געקומען די שורה אויף לייזערן, האָט ער זיך אויפגעשטעלט ווי עס באַדאַרף צו זיין, האָט אים דער אינספּעקטאָר עפּעס געפרעגט פון היסטאָריע.

האָט לייזער פאַרקנייטשט דעם שטערן, פאַוואָלינקע פאַרמאַכט די אויגן, גלייך ר'וואָלט זיך געוואָלט אין עפּעס דערמאָנען, און פּלוצים אָנגעהויבן... צו שנאָרכען.

האָט דער אינספּעקטאָר געמיינט, אַז לייזער מאַכט עקסטרע אַזוי, האָט ער אויף אים אָנגעשריען.

אָבער לייזער האָט זיך נישט הייסנדיק געמאַכט, גלייך ווי נישט אים מיינט מען און דוקא ווייטער געשמאַק געשנאָרכט...

האָט עס שוין גוט פאַרדראָסן דעם אינספּעקטאָר, האָט ער גענומען העכער שרייען אויף לייזערן.

האָבן זיך שוין די קינדער נישט געקאָנט מער איינהאַלטן און האָבן אַלע צוזאַמען מיטן לערער איסגעשאָכן מיט אַ געלעכטער —

פון גרוים כעס איז דער אינספּעקטאָר אַוועק פון דער שול. די קינדער האָבן געלאַכט, געקייכט פון געלעכטער. און לייזער איז ווייטער געשמאַק געשלאָפן און געשנאָרכט — — —

שלאָף זיך אוים לייזער,
וועסטו ווערן אַ קייזער.
שלאָף זיך אוים לייזער,
וועסטו נישט זיין קיין בייזער...

זלמן וואסערצוג

וואָס קינדער ווילן זיין

אַז די קינדער זענען אַריינגעקומען אין קלאַס, און זיך אַוועקגעזעצט אויף די ערטער, האָט דער לערער אַזוי געזאָגט:

— אַ נו, טבעפּט קינדערלעך מיט וואָס מיר וועלן זיך איצט באַשעפּטיקן?!

האָבן די קינדער גענומען טרעפן:

— מירן שרייבן אויפן טאָוול.

— מאַכן אַ באַן אין קלאַס.

— דער לערער וועט דערציילן אַ מעשהלע.

— גיין אויף אַ שפּאַציר.

אויף אַלעם וואָס די קינדער האָבן געזאָגט האָט דער לערער געשאָקלט מיטן קאָפּ אַהער און אַהין — אויף ניין.

וואָס אַמאָל זענען זיי געוואָרן מער און מער נייגיריק.

— נו, זאָל שוין דער לערער זאָגן, קיינער ווייסט נישט, קיינער נישט. שווייגט שוין אַלע, שווייגט!

ס'איז געוואָרן אַזוי רואיק אין קלאַס, אַז מ'האָט געהערט ווי די הערצעלעך קלאַפּן.

דער לערער האָט געזאָגט מיט אַ ברייטער שטימע אַזוי ווי דורך אַ טראָמפּייט:

— יעדער וועט אויפשרייבן וואָס ער וויל זיין, דערנאָך וועט מען אַלע אַרבעטן הויך איבערלייענען אין קלאַס — וועט זיין אינטערעסאַנט.

אַלע האָבן זיך זייער געפרייט און געזאָגט:

— אוי ווי גוט, ווי גוט!!

אַ קינד פון ערשטן באַנק האָט צעטיילט דאָס פּאַפּיר, וואָס דער לערער האָט אים געגעבן. באַלד איז געוואָרן שאַ-שטיל אין קלאַס, אַזוי ווי אַלע וואָלטן פלוצים פאַרשלאָפן געוואָרן, אָבער קיינער איז נישט געשלאָפן, אהאַ! יעדער איז געזעסן פאַרטראַכט און געשריבן. ווער עס האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו שרייבן, איז צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ נעגל צום לערער, אים אַוועקגעגעבן דאָס באַשריבן בלעטל און איז אַרויס אין הויף. אַלע מאָל איז אַרויסגעקומען אַ צווייטער. צומלעצנסטן האָט געשריבן חיימל.

איינער האָט געפרעגט ביים צווייטן:

— וואָס האָסטו געשריבן?

— און דו, וואָס האָסטו געשריבן?

אָבער עס האָט קיינער נישט געוואָלט פריער אויסזאָגן.

אויף דער הפסקה האָבן קינדער אין גאָרנישט נישט געשפּילט, זיי האָבן זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף די שיינע צוויי שוואַרצינקע הינטעלעך, וואָס בעטן זיך שטענדיק, אַז מ׳זאָל זיי גלעטן. די הפסקה האָט זיך דאָס מאָל עפּעס אַזוי לאַנג געצויגן!

נאָר ס... אַט רופט שוין דער לערער מען זאָל אַריינגיין אין קלאַס — איז געוואָרן אַ שמחה!

זיצט מען צוריק אויף די בענק, אָבער מען קען שוין נישט איינזיצן: איינער קוקט אויפן צווייטן, און לאַכט און פרייט זיך. האַלט שוין דער לערער אין האַנט אַ בלעטל און לייענט.

— בערל שרייבט:

„איך וויל זיין אַ מאַטראָס און אויסזיין די גאַנצע וועלט. כ׳האָב אַזוי ליב צו פאָרן! קיינמאָל וועל איך נישט מיד ווערן! און אומעטום וועל איך מוזן זיין, ביי די מענטשנפרעסער — אויך: איך שרעק זיך גאָרנישט פאַר זיי.“

איז געוואָרן אַ הורא אין קלאַס:

— גוט געשריבן, בערל, גוט געשריבן! ס׳איז טאַקע גוט צו זיין אַ מאַטראָס — האָבן אַלע געליאַרעמט.

נאָר אַט לייענט שוין דער לערער ווייטער:

— דודל שרייבט:

„איך וויל זיין אַ גרויסער פידל־שפּילער, און מאַכן, אַז די מענטשן זאָלן נישט זיין אַזוי טרויעריק“ — — —

— פיין געשריבן, דודל! — האָבן אַלע באַשטעטיקט.

— שרהלע שרייבט — לייענט דער לערער ווייטער:

„עס איז מיר אַזאַ רחמנות אויף דער לבנה! שטענדיק איז זי אַזאַ בלאַסע און טרויעריקע. כ׳וויל זיין אַזוי הויך ביז צו דער לבנה און איר טרייסטן, ווען זי איז אַליין ביינאַכט אויפן הימל“ — — —

— שטענדיק איז זי שוין אַזאַ פאַרחלומטע די שרהלע.

— משהלע שרייבט:

„איך וויל קענען מאַכן אַזאַ גרויסע שטוב, אַז אַלע קינדער פון דער גאַנצער וועלט זאָלן קאָנען לערנען צוזאַמען. אוי וואָלט געווען פריילעך!“

— פאַני שרייבט:

„איך וויל זיין אַ גרויסע לערערין און אויסלערנען אַלע מענטשן, אַז זיי זאָלן זיין גוטע, און איינער זאָל נישט רופן דעם אַנדערן מיט צונעמען.“

עס איז נאָך דאָ צו לייענען און צו לייענען, לייענט דער לערער ווייטער:

— אליהו שרייבט:

„איך וויל זיין אַ רייכער און געבן מיין טאַטן אַ סך געלט, אַז ער זאָל נישט דאַרפן אויפשטיין אַזוי פרי. מיין טאַטע שטייט אויף ווען די שטערן זענען נאָך אין הימל“ — — —

— פנחסל שרייבט :

„איך וויל זיין א גרויסער דאָקטער און מאַכן, אַז די מענטשן זאָלן שוין מער נישט שטאַרבן, און די וואָס זענען געשטאָרבן זאָלן צוריק לעבעדיק ווערן, ווען מיין ברודערל אויך צוריק אַהיימקומען" — — — —

— שטענדיק אַזאַ טרויעריקער איז ער, דער פּנחסל.

לייענט נאָך אַלין דער לערער.

— ישראליק שרייבט :

„איך וויל זיין אַ געלערנטער און מאַכן פון אַלע בהמות מענטשן, ווען מען די קעלבעלעך נישט שעכטן און די הינט וועלן נישט דאַרפן שלאָפן אינדרויסן. צו וואָס דאַרף מען דען בהמות ?"

— מלכּהלע שרייבט :

„איך וויל קענען מאַכן טעלער און גלעזער, וואָס זאָלן נישט צעבראָכן ווערן און אַזעלכע שויבן אין די פענסטער, וואָס ווערן קיינמאָל נישט צעפּלאַצט — וועלן די מאַמעס נישט אין כעס זיין אויף די קינדער — — — —

צומלענגסטן האָט געשריבן היימל :

„מיין טאַטע שטייט אויף זייער פרי און צעטיילט אין די שטיבער ברויט. אַז איך וועל זיין אַ גרויסער וועל איך העלפן מיין טאַטן. עס איז אַזוי גוט צו צעטיילן ברויט ! אַלע מענטשן ליגן נאָך אין די בעטן, קלאַפּט מען אָן אין דער טיר:

— „ווער איז דאָרט?"

— „כ'האָב געבראַכט ברויט", — ענטפערט מען.

שוין אַ גאַנצע נאַכט האָבן די מענטשן נישט געגעסן, זענען זיי הונגעריק — וועלן זיי זיך דערפרייען.

איבער אַלע גאַסן וועל איך גיין פון הויז צו הויז. קיין איין שטוב וועל איך נישט דורכלאָזן ! וועל איך גיין אָט אַזוי מיט שווערע קוישן ברויט : אַלע, אַלע וועל איך ברענגען עסן, אַזוי ווי אַ גוטע מאַמע. וועלן אַלע מענטשן אַרבעטן און זיין צופרידן. איך וויל זיין אַ ברויט־צעטיילער" — — — —

דער לערער און אַלע קינדער האָבן געזאָגט, אַז צומשענסטן האָט אָנגעשריבן היימל, אָבער אַלע אַרבעטן זענען אויך שיין אָנגעשריבן.

קינדער האָבן געמאַכט אַ גרויסן הורא ! און זענען אַהיימגעלאָפן פריילעכע דערציילן אַלעם אין שטוב.



בריל'ן

שוין וויפיל מאל האט כארבע געזען, אז גרויסע און אפילו קינדער טראגן ברילן. איז עס אים געפעלן געווארן. עפעס ווערט מען א גאנצער יחסן און מ'קוקט אויס ווי א גרויסער, אז מ'גייט אין ברילן. אז מ'קומט אריין פון דרויסן אין שטוב, נעמט מען זיי פאוואלינקע אראפ פון דער נאז און מיט א טיכעלע ווישט מען פארזיכטיק אויס די גלעזלעך, און מ'טוט זיי צוריק אן...

דאס אלין אבער, איז ערשט גארנישט קעגן דעם פארגעניגן, וואס מ'האט פון קוקן דורך ברילן. ווער ווייסט דען נישט, אז ברילן פארגרעסערן אלין? ווערן טאקע אלע זאכן גרעסער, שענער און אויך לאבנדיקער. קוקט מען אויף א נאז ווערט זי אזוי גרויס, ווי אן עלנבויגן... און די שטערן פון הימל — ווי לבנהס... ערשט קען מען מיט די גלעזלעך, אז מ'האלט זיי אויף דער זון, אויסברענען לעכער אין פאפיר...

איז די גאנצע מעשה מיט די ברילן געגאנגען כארבען אויף א רעכטן אמת אין קאפ אריין, און ר'האט צומארגנס, און ווייטער, אלין געטראכט דערפון...

ווי אזוי קומט מען אבער טאקע צו א פאר אמתע ברילן? און אפשר וועט גאר דער דאקטער זאגן, אז כ'דארף אינגאנצן נישט קיין ברילן?..

האט כארבע צוגעטראכט אזא פלאן:

די קינדער וואס זעען נישט צו לייענען פון דערווייטנס, זעצט דער לערער אויף די ערשטע בענק און ר'גיט זיי בריוועלעך אהיים, אז מ'זאל מיט זיי גיין צום אויגן־דאקטער...

די צווייטע וואך האט טאקע כארבע אהיימגעבראכט פון לערער אזא בריוועלע, וואו ס'האט זיך געשריבן, אז כארבע מוז זיין ביי אן אקוליסט אונטערצוזוכן זיינע אויגן, ווייל ער זעט נישט גוט פון דער ווייט...

האט די מאמע זיינע זיך גארנישט געמאכט וויסנדיק דערפון, ווייל זי האט געוואוסט, אז כארבע האט פון שטענדיק אן געזונטע אויגן.

האט איר אבער כארבע שוין טאג־טעגלעך דערמאנט. און אזוי לאנג אויסגעטיילט, ביז זי האט אים געפירט צו אן אויגן־דאקטער.

זיצט כארבע אויף אן אויסגעבעטער, ווייכער שטול, איין אויג פארמאכט.

און דער דאָקטער מיטן שטעקעלע אין האַנט, הייסט אים לייענען אותיות און ציפערן פון אַ ווייסן טאָוול, וואָס הענגט קעגנאיבער אויף אַ וואַנט.

האָט כאַרכע געזאָגט, אַז ר׳זעט נישט גוט... די גרויסע — יאָ, נאָר די קלענערע — נישט... אַזוי מיטן רעכטן און אַזוי מיטן לינקן אויג — ר׳זעט נישט...

האָט דער דאָקטער לאַנג געפאָרשט כאַרכעס אויגן מיט קאָלירטע גלעזלעך, וואָס האָבן קליינינקע לעכעלעך אין סאַמע מיטן; און געלויכטן אַזוי לאַנג מיט לעמפּלעך עלעקטרישע, ביז ס׳האָט אים טאַקע אָנגעהויבן שטעכן אין די אויגן... האָט דער דאָקטער דערנאָך עפּעס געזאָגט כאַרכעס מאַמען, און די מאַמע האָט ווידער געפרעגט, האָט דער דאָקטער ווידער געענטפערט און די מאַמע ווידעה געפרעגט...

פון דעם אַלעם, וואָס דער דאָקטער האָט געזאָגט און די מאַמע זיינע האָט געפרעגט, האָט כאַרכע פאַרשטאַנען אַז... ר׳וועט האָבן ברילן... טאַקע אמתע ברילן...

אַז כאַרכע איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעגאַנגען אין די נייע גלאַנציקע ברילן, האָט זיך אים אויסגעוויזן גלייך ר׳וואָלט געגאַנגען אויף גלאָז... און פאַר די אויגן האָט זיך אים אַזוי געטונקלט, ווי ס׳וואָלט זיין אַ נעפּל אין גאַס... פאַרגרעסערט האָבן זיי גאָרנישט די גלעזלעך, גאָרנישט, נאָר נאָך אַלץ מאַטער געמאַכט. דערצו נאָך האָבן זיך געדרייט רעדער פאַר די אויגן: עפּעס אַ לין, אַ שטיפער האָט פאַרצויגן די הייזער מיט די מענטשן מיט אַ דינימשקן, נאָר געדיכטן שפּינען-געוועב. קען מען נישט זען אַלין ווי אַמאָל... האָט ער געווישט, געריבן, געפּוצט די גלעזלעך, געמיינט אַז זיי זענען פאַרהויכט, אָבער ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן...

די אמתע צרות אָבער, האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן, ווען ר׳האָט זיך געוויזן אין זיינע ברילן צום ערשטן מאָל פאַר זיינע חברים אין שול.

איז געוואָרן אַ הורא, אַז זיי האָבן אים דערזען:

— געוואָרן אַ לערער כאַרכע, אַ פּראָפעסאָר...

— אָבער פונקט ווי אַ דאָקטער זעט ער דאָך אויס... וויפיל נעמסטו פאַר אַ וויזיט?..

— ר׳דאַרף זיך נאָר איצט לאָזן אָפּגאָלן דעם קאָפּ, וועט ער אויסזען ווי אַן אמתער גלח... — האָט אַ דריטער צוגעגעבן.

און אַז כאַרכע האָט שוין געהאַט אויסגעהערט אַן אַ שיעור געלעכטערס און וויצן, האָבן גאָר די ברילן אַן זיין ווילן גענומען שפּאַצירן פון האַנט צו האַנט און פון נאָז צו נאָז — יעדער איינער האָט זיך זיי געמוזט אָנמעסטן...

דערנאָך האָט מען כאַרכעס ברילן באַדאַרפט אויספּרואוון ערשט צי זיי פאַרגרעסערן און צי זיי ציען צו די זונען-שטראַלן...

האָט טאַקע דעם זעלבן טאָג נאָך כאַרכע אַהיימגעבראַכט זיינע נייע ברילן מיט אַ צעשפּאָלטענע גלעזעלע און מיט אַן אָפּגעבראָכענער האָלאָבליע.

האָט די מאַמע געשריען, געפּייזערט זיך און באַלד אַוועקגעשיקט צו־רעכטמאַכן זיי אין דעם זעלבן געשעפט, וואו זיי האָבן זיי געקויפט.

האָבן די חברים מיט די ברילן זיינע מער נישט געטשעפּעט, זיך שוין צוגעוואוינט צו זיי.

דער איינציקער אָבער. וואָס האָט זיך נישט געקענט צוגעוואוינען צו זיינע ברילן, איז געווען כּאַרבע אַליין... בכדי צו זיין זיכער מיט די ברילן, האָט ער זיך איצט געדאַרפט אָפּזאָגן פון אַלע שפּילן: אין קיין שום שפּיל טאָר ער נישט נעמען קיין אָנטייל: נישט לויפן, נישט שפּרינגען און דאָס ערגסטע פון אַלעם — נישט שפּילן אין פּילקע. אַט האָט זיך די פּילקע אָפּגע־קלאַפּט אין דער ערד און מ׳דאַרף אונטערשפּרינגען און מיטן קאָפּ אַריינהאַקן אַ „גאָל" — טאָר אָבער, כּאַרבע נישט פאַרגעסן, אַז ר׳גייט אין ברילן און ביי אַ גוטן שפּרונג ליגן זיי באַלד אונטער די פיס...

האָט שוין איצט כּאַרבע געטראַכט ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון די ברילן זיינע, וואָס האָבן זיך אים פאַרגלוסט...

איז ער איינמאָל אַהיימגעקומען און אַוועקגעגעבן דער מאַמען די ברילן — ר׳וויל שוין מער נישט גיין אין ברילן, געננג...

האָט אים די מאַמע אַ צווייטן מאָל געפירט צום אויגן־דאָקטער, און געשען איז איצט אַ וואונדערלעכע זאַך מיט כּאַרבעס אויגן: זיי האָבן געזען צו לייענען דאָס מאָל די קלענסטע אותיותלעך, אפילו די לעצטע שורה פונם טאָוול האָט ער געלייענט...





שטאט

פאַרוואָס עס רוישט די שטאָט

עס איז געווען דעמאָלט, ווען אַלעס איז נאָך געווען פריש און יונג. די זון האָט געלויכטן און געוואָרימט מיט מער קראַפט און שטאַרקייט, און די ערד, אַ נאָכנישט באַרירטע, איז געלעגן אַ זאַפטיקע, באַפּוצט מיט גרינע, אייביק גרינע, געשמאַקע וועלדער און שטיפערישע בלומען מיט פלאַנצונגען.

איז דער מענטש אויך געווען שטאַרקער, פעסטער ווי היינט. מיט אַ אויפגעהויבענעם קאָפּ איז ער געגאַנגען, אָן דאגות, אָן מאַטערנישן, אַ זיכערער, מיטן פייל און בויגן אויפן געזונטן אַקסל.

וואו נאָר ער איז געקומען איז געווען זיין היים; ער האָט נישט געהאַט נאָך קיין 'שטוב,' מעבל און זאַכן.

האָט ער שפּאַצירט, געוואַנדערט איבער די ברייטע בעלדער און געדיכטע וועלדער, ווי אַ קעניג אַ שטאַרקער. אומעטום האָט ער געמעגט גיין, פאַר קיינעם נישט קיין מורא געהאַט; די ערד איז נאָך נישט געווען צעטיילט, צעריסן אויף שטיקער.

דאָרט וואו די זון איז אונטערגעגאַנגען — איז ער געשלאָפן, און אַז די זון איז אויפגעשטאַנען, האָט ער זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין. ווען נאָר דער הונגער האָט אים גענאָגט ביים האַרצן, האָט ער אַראָפּגענומען דעם פייל און בויגן פון אַקסל און געצילט אין אַ מהנה דורכפליענדיקע פויגל, צי אין אַ פאַרבלאָנדזשעטער היה, און אין אַ מינוט אַרום האָט זיך שוין געבראָטן געשמאַק, יונג פלייש אונטער די גליענדיקע זונען־שטראַלן אָדער אויף אַ אָנגעלייגט פייער. וואָס ער האָט אַרויסבאַקומען פון רייבן איין האָלץ אינם צווייטן.

אַך, איז געווען אַ לעבן אויף דער וועלט! קינדער זענען אַרומגעלאָפן, אַרומגעבריקעוועט נאַקעטע, שוואַרצע פון דער זון, מיט צעשויבערטע האָר, פריי — ווי די פייגל און געקלעטערט אויף די ביימער, און געשטיפט מיט די יונגע און פלינקע מאַלפּעלעך.

עסן איז דאָך געווען גענוג. קיינמאָל האָט נישט געפעלט קיין פלייש.

פרוכט און גרינס. וואָס די ערד און די ביימער האָבן פון זייער גוטן ווילן ארויסגעגעבן — האָבן זיי נישט געדאַרפט אַרבעטן.

איז ער געלעגן, דער מענטש אונטער אַ שאָטן פון אַ בוים און געשלאָפן. געמאַכט זיך שפּילן פון האַלץ, צי גאָר געשפּילט זיך מיטן הונט אָדער געשמועסט מיט דער פרוי, מיט וועלכע דער מענטש איז שוין געווען באַפריינדעם.

אַנדערש איז געווען ביינאַכט:

שיין, אָבער נישט צום האַרצן — אומעטיק.

עפּעס אַ גרויס ליכטיק אויג, וואָס מען רופט עס היינט די לבנה, מיט נאָך אַ סך בליצנדיקע פינטעלעך — די שטערן — האָבן אַראָפּגעקוקט פון הימל. די הענט זענען געוואָרן אַזוי שיין, איידל. און עס איז געווען אַזוי קיל און גוט. שרעקלעך און טרויעריק צו וויגן זיך אויף אַ צווייג פון אַ בוים און צוצוקוקן ווי עס שפּאַצירן אַרום חיות מיט ליכטיקע, ברענענדיקע אויגן און זיך איינהערן צום מוראדיקן געוויין פון די שאַקאַלן...

זענען געגאַנגען און געקומען אַזעלכע רואיקע טעג, און אַמאָל אויך באַגלייט מיט אַ שטאַרקן שטורם-ווינט און מיט דונערן און בליצן.

און דער מענטש האָט זיך צו אַלעם צוגעקוקט, געפאָרשט מיט אַ נייגיר און נישט געוואוסט צו וואָס איז דאָס אַלעס...

האָט ער געזען, ווי די זון אַ צעפלאַמטע, רויטע און מידע, פון אַ גאַנצן טאָג וואַנדערן, לאָזט זיך אַראָפּ אין טייך זיך וואַשן, קילן, און באַלד ווערט פינסטער — די הימלען הילן זיך איין, פון זיך זעלבסט אין אַזעלכע שוואַרצע פעלן, עס ווערט פינסטער און טרויעריק, ביז די זון קומט צוריק אַ ריינגעוואַשענע, אַ יונגע. האָט ער געטראַכט און געטראַכט, געוואָלט וויסן, פאַרשטיין פאַרוואָס עס איז אַזוי, און נישט געקענט...

איז ער געגאַנגען און געצילט מיטן בויגן צו דער זון, אַז זי זאָל מער נישט גיין אין טייך.

האָט אָבער די זון אים נישט געוואָלט הערן און זי איז ווייטער געגאַנגען צום טייך יעדן אָוונט זיך אויסבאָדן, אָפּקילן אין די קלאָרע שפּיגל-וואַסערן.

האָט עס פאַרדראָסן דעם מענטשן און אים ווי געטון.

ביסלעכווייז איז ער געוואָיר געוואָרן, אַז ער ווייסט גאָרנישט. פאַר־שטייט גאָרנישט פון דעם אַלעם, וואָס ער זעט און הערט, און קיינער וויל אים פאָלגן: נישט די זון, נישט דער טייך, נישט דער ווינט און אויך נישט דער פייל און בויגן...

האָט ער זיך געוואַלגערט, דער מענטש, אויף דער ערד, מיט די פויסטן געקלאַפּט זיך אין בויך און געריסן זיך די לאַנגע, פעך־שוואַרצע האָר, פון צער. גום רעדן האָט ער נישט געקענט, איז אים געווען שווער זיך אויסצו־טענהן, עס האָט אים פאַרפעלט ווערטער, האָט ער זיך אָנגעשטרענגט און געקלערט און געקלערט, אָבער ער האָט גאָרנישט אויסגעטראַכט.

איז אים דערעסן געוואָרן און ס׳האָט אים געשראָקן דאָס שטילקייט פון פעלד, און דאָס שווייגן פון וואַלד: וואָס שטילער און רואיקער עס איז, אַלץ מער וויל זיך נאָכטראַכטן. האָט ער מיט פאַרגעניגן זיך צוגעהערט צום ווילדן גערויש פון טייך, דאָרט וואו ער פאַלט אַראָפּ פון די שטיינערנע בערג. און ער האָט זיך ווידער דערפילט אַ שטאַרקער, און אַלעם פאַרגעסן. ער האָט ליב באַקומען דאָס שטאַרקע, דאָס רוישיקע, דעם ווילדן שטורעם. ווען אַלעס רוישט, ברומט, רייסט זיך, שטיינער פאַרלאָזן זייערע ערטער און ביימער נעמען לויפן ווי לעבעדיקע — האָט ער פאַרגעסן אין זיין צער...

אָבער עס האָט לאַנג נישט גענומען און ער האָט זיך צוגעוואוינט אויך צום שטורמישן טייך. איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פאַרקלעמטער, אַ פאַרצערטער, איבערגעלאָזט זיין העלפערין — די פרוי, די לוסטיקע קינדערלעך און דעם געטרייען הונט און האָט געוואַנדערט, געבלאָנדזשעט, געלאָפן און געזוכט...

די ווילדסטע טייכן האָבן זיך אים אויסגעוויזן צו פאַוואָלינקע, פאַר־פרוירענע, און די שטאַרקסטע שטורעמס — צו רואיק... ער האָט שוין איצט מער נישט געקענט ליגן אונטערן שאָטן פון בוים און רואיק חלומען, ווי אַמאָל.

האָט ער אויפגעקליבן אַלץ נאָר, וואָס ער האָט געפונען, צונויפגעטראָגן אויף איין אָרט און מיט גרויס חשק גענומען קלאַפּן, האַקן, שפּאַלטן, ברעכן. פון דער אַרבעט איז אַרויסגעקומען פאַרשידן געצייג, כלים, זאַכן און אַמאָל האָט ער אַזוי אויסגעבויט אַ גוט, שטאַרק שיפל, אַ קליין שטיבעלע און אויך אַן אַקער פון האָלץ צו אַקערן די ערד.

זענען אים די זאַכן געפעלן, אָבער ער איז נישט געווען פון זיי צופרידן. אויפן פעלד איז אַזוי שטיל־שאַ און ער האָט שוין פיינט געהאַט די שטיל־קייט, האָט ער עס איבערגעלאָזט און גענומען מאַכן, בויען אויפסניי.

האָט ער אָפּגעריינִיקט אַ גרויסן, ברייטן פּלאַץ און גענומען אויפשטעלן שטיבער, איינע לעבן דער אַנדערער. האָט ער געאַרבעט בייטאָג און ביי־נאַכט אָן אָפּרו, ביז עס זענען שוין געווען אויסגעבויט שורות, שורות שטיבער אַרום און אַרום.

און אַז עס האָט זיך געהערט, אַז דאָרט ערגיץ וואו ביי אַ טייך שטייען שטיבער, וואו עס איז גוט צו שלאָפן און עס רעגנט נישט אויפן קאָפּ, זענען מענטשן געקומען צולויפן פון אַלע זייטן, גאַנצע מחנות, זיך דאָרט צו

באַזועצן, וואָס אַמאָל מער און מער, מיט זאַכן און מאַשינען, און עס איז געוואָרן אַ געשריי, אַ געטומל, אַ גערודער, אַ גערויש, אַז איינער האָט שוין נישט געהערט דעם צווייטן.

און דער מענטש האָט נאָך געהאַלטן אין איין בויען און אויסברייטערן די הייזער און די גאַסן — העט ווייט, ווייט: וואָס מער טומל און גערויש אַלץ בעסער וועט זיין, וועט מען נישט טראַכטן און פאַרשפּאָרן צו האָבן צער...

לעבן פון דעמאָלט מענטשן אין גערויש און זיי זענען צופרידן און גליקלעך וואָס עס רוישט. און די אַלע וואָס שרעקן זיך צו קוקן אין דער פּוסטקייט און האָבן מורא פאַר דער שטילקייט פון פעלד און שווייגן פון וואַלד, וואַרפן זיך אַריין אין שטאָט — און דער טומל און גערויש ווערט אַלץ גרעסער און שטאַרקער...



העי, דו שיינער, גרויסער טראַמוואַי!

העי, דו, שיינער, גרויסער טראַמוואַי! זאָג, צו וואָס און וואוהין איילסטו זיך אַזוי, דאָס דו קענסט נישט איינשטיין אויף אַן אָרט!?

העי, דו, גרויסער, נייגעריקער טראַמוואַי! וועמען זוכסטו דאָס איבער די גאַסן פון דער ברייטער, אומענדלעכער שטאָט, זאָג, וואָס האָסטו דען פאַרלוירן?

ווי אַ ווילד פערדל שפּאַנסטו גאַס־איין — גאַס־אויס, פאַרביי פּלאַצעס און פאַרביי גערטנער, און קענסט זיך נישט געפינען קיין אָרט...

עס געפעלט דיר דען גאָרנישט פון דעם אַלעם, וואָס דו זעסט און טרעפסט אויף דיין וועג?

פאַרוואָס אַזוי?..

און אַלע טאָג ציילסטו איבער אַלע הייזער פון דער גאַנצער שטאָט, צי עס האָט קיינער נישט צוגענומען איינע פון זיי...

מאַכסט זיך אַזוי נאַריש!.. קוק, מ'לאַכט דאָך פון דיר! מיין באָבע האָט מיר שוין פון לאַנג געזאָגט, אַז דו ביסט אַ שטיפער, אַ נאַרישער אַזעלכער, און איך ווייס עס אויך שוין.

דו גרויסער, נאַרישער טראַמוואַי! כאַ־כאַ־כאַ!..

אַלע'ן־איפדערנאַכט ציילסטו איבער די עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס זענען צעהאַנגען אין אַלע גאַסן, ציילסט, ציילסט און קיינמאָל ווייסטו נישט וויפיל עס איז פאַראַן. אַנו זאָג, וויפיל?

און אַז עס רעגנט, עס גיסט — אַרט דיך גאָרנישט. לויפסטו אַזוי אַ דורכגענעצטער, אַ באַרוועסער איבער די אייזערנע ליניעס, ביז איבער די קניען אין וואַסער און טראַכסט גאָרנישט, אַז דו קענסט זיך נאָך פאַרקילן... אוי, וואָס פאַר אַ נאַרישער שטיפער דו ביסט!

אַ נאַרישער און אַ פריילעכער און גוטער שטיפער ביסטו. פון אַלע זייטן הענגט מען זיך אָן אַרום דיר און דו שווייגסט און שלעפּסט: וויפיל מען זאָל זיך נישט אָנפּאַקן איז דיר נישט שווער.

אָבער אמאָל ביסטו אויך אַ שלעכטער. און ווערסט אין כּעס, שפּריצסטו מיט אמתע פונקען, און מאַכסט, אַז עס זאָל גיין ווּעמען בלוט פון נאָז...

פאַרוואָס מוזסטו אַזוי?.. עס ווערט דאָך פאַרפלעקט דאָס ווייסע העמדל און מען קען נאָך שטאַרבן דערפון?..

גיי, גיי, כ׳וועל נישט פאָרן מיט דיר, ביסט אַ שלעכטער!

דערפאַר, ווייל מאַקע אמאָל האָסטו מיין שוועסטערל איבערגעשראָקן — האָט זי אַזוי געוויינט...

פריי איך זיך אַזוי, אַז עס רייסט זיך איבער ערגעצוואו אַ דראָט, אַ עלעקטרישער, און דו מיט דיינע חברים בּלייבן שטיין בּיי אונדז אין גאַס אַ גאַנצע שורה, אַ גאַנצע שורה — אפשר טויזנט, נאָכמער... שטייט איר דעמאָלט אַזעלכע אַרנטלעכע, פאַמעלעכע און פאַרשעמטע, מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, און איינער בּאַהאַלט זיך אונטערן צווייטן...

אוי, פריי איך זיך דעמאָלט! אוי, פריי איך זיך!..

וואָס איז? ביזט ברוגז געוואָרן? גיי, אויך אַ געלעכטער האָב איך געזאָגט.

עס איז גראַד גוט צו פאָרן מיט דיר, גרויסער טראַמוואַי!

אמאָל אַ יום־טוב, ווען מ׳גייט נישט אין שול, בּעט איך בּיי דער מאַמען צען סענט, מיין חבר פיניע — אויך. זוכן מיר זיך אויס אַ שיינעם, אַ נייעם טראַמוואַי און מיר זעצן זיך אַוועק בּיים פענסטער, און דאָס געלט גיבּן מיר דעם בּילעטן־פאַרקויפער, גיט ער אונדז בּילעטן, לאָזט מען שוין פאָרן און פאָרן...

שטעלסטו זיך אָפּ אַלע ווײַלע און עס פּאַקן זיך אַן אַזוי פיל, אַזוי פיל מענטשן. בּין איך נייגעריק צו וויסן, צי דו וועסט קענען דערשלעפּן. איך דריק זיך צו פעסט צו דער בּאַנק און מאַך, אַז ס׳זאָל זיין שווערער — גיסטו אַלע אַ טרייסל און לויפסט, לויפסט הענדום־פּענדום. האָב איך אַזוי ליב צו פאָרן גיך, פאַרגעס איך בּאַלד, אַז עס פאָרן נאָך מענטשן און איך קלאַפּ שוין מיט די פיס און שריי:

— „גיכער, שטאַרקער טראַמוואַי, גיכער, גיכער!!"

קוקן מיך אָן אַלע מענטשן, ווער איך פאַרשעמט און בּיי מיין חבר פיניע דרייט זיך שוין דער קאָפּ פון פאָרן...

קוק איך דורכן פענסטער און זע: אַזוי פיל שליאַפּעס, גרינע, שוואַרצע, רויטע — פון אַלע קאָלירן און אַלע איילן און יאָגן זיך אַזוי ווי אין שולע אַריין, נאָר זיי האָבּן נישט די בּיכער מיט זיך... פאַרמאַך איך די אויגן און עפן זיי בּאַלד, פאַרמאַך און עפן זיי, בּיז עס שווינדלט מיר, טאַנצט מיר אַזוי און אַלע הייזער מיט מענטשן יאָגן זיך נאָך אונדז, און קענען אונדז נישט אָניאָגן — — — — — —

און דאָרט ווייט, ווייט פון דער שטאָט, וואו דער הימל איז אַזאַ ליכטיקער און אַ בּרייטער, איז פאַראַן אַזאַ גרויסע און לאַנגע שטוב, דאָרט רוסטו זיך אָפּ, דאָרט שלאָפסטו, טראַמוואַי...

אַזוי האָט מיר געזאָגט מיין באָבע.

האָסטו אָבער נישט ליב צו שלאָפן און צו רוען — איז אַ רחמנות אויף דיר. אַזאַ אומעטיקער שטייסטו דאָרט... װעגן װאָס זאָלסטו דען טראַכטן?

צי מאָרגן װעט זיין אַ שיינער, צי אַ מיאוסער װעטער...

צי די מאַמע װעט מאָרגן קאָכן אַ זופּ...

צי דער פּאַפּאַ װעט געבן געלט אויף צו גיין אין ביאָגראַף...

— עס איז דיר אַלײן אײנס!

שטײסטו אַזוי שטיל און רואיק, אומעטיק און װאַרטסט, אַז דער מאָטאָר־מאַן זאָל שוין קומען...

עס איז אַזאַ רחמנות אויף דיר...

אַז עס װעט זיך נאָכאַמאָל אויסגיסן טינט אויפן נייעם טישטוך און די מאַמע װעט מיר שלאָגן — װעל איך זאָגן מיין מאַמען, אַז כ'װיל שוין בעסער זיין אַ טראַמװאַי...



אויף אַ טאָג מיט אַ נאַכט, אַ רוגז געמאַכט...

קורץ פאַר מיטיק־צייט, איז כּאַרכע אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס מיט פאַרווייניטע אויגן, געלאָזט זיך לויפן ווי אַ צעווילדעוועט פערדל איבער גאַסן און געשוואוירן בּיי זיך אין האַרצן, אַז ווי לאַנג נאָר ר׳וועט לעבּן, וועט ער שוין קיינמאָל מער נישט צוריק אַהיים קומען, קיינמאָל נישט...

כּאַרכע איז זייער און זייער איצט אין כּעס געווען אויף זיין היים.

ווער ווייס דען נישט פאַרוואָס קינדער ווערן בּרוגז מיט זייערע היימען?

מסתמא עפּעס אָפּגעטון, וואָס מען טאָר נישט...

האָט זיך דער בּרוגזער כּאַרכע געשלעפּט איבער פרעמדע גאַסן, רוישנדיקע מיט אויטאָמאָבּילן און מענטשן, און נישט געוואוסט, וואוהין און נאָך וואָס ער שפּאַנט אַזוי. אויף אַלעמען איז כּאַרכע דעמאָלט אין כּעס געווען, אויף אַלעמען.

פאַרנאַכט צו, ווען די עלעקטרישע גלעקלעך רופן מענטשן אין די בּיאָגראַפס, האָט זיך כּאַרכע אָפּגעשטעלט פאַר יעדן בּיאָגראַף און לאַנג געשטאַנען בּיי דער טיר און געציילט די מענטשן וואָס גייען אַריין... דערנאָך האָט ער אויפמערקזאַם דורכגעקוקט צו עטלעכע מאָל די אַרויסגעשטעלטע בּילדער און צייכנונגען פון די אַרטיסטן און אַרטיסטינס אין דעם האָל פון בּיאָגראַף, און געלאָזן זיך ווייטער צו אַ צווייטן, מיט אַ הונגער און אַ שוואַכקייט בּיים האַרצן...

בּיז שפּעט אין אָוונט אַזוי, ווען די מענטשן אין גאַס ווערן שיטערער און דאָס ליכט און אויך די אויטאָמאָבּילן — זעלטענער. בּלייבּן דעמאָלט די הויך־פּלייציקע הייזער שטיין אַזעלכע געלאַסענע און פאַראומעטיקטע, גלייך אויך זיי וואָלטן בּרוגז געוואָרן מיט זייערע טאַטע־מאַמעס און זיי ווייסן נישט איצט וואו זיך אַהינצוטון איבער נאַכט...

ס׳איז שוין שפּעט בּיינאַכט. זיצט כּאַרכע אויף אַ מאַרמאָרנעם שוועל פון אַ פאַרהאַמערט געשעפט, זיצט און דרימלט, דרימלט און חלומט, חלומט און קוקט...

פון דאָ און דאָרט בּאַווייזט זיך אַ מענטש, וואָס שפּאַנט מיט גרויסע

טריט, ביז ער שטעלט זיך אָפּ בײַ אַ טיר ערגיצוואו, נעמט אַרויס פון דער הויזן־קעשענע אַ שליסל, גיט אַ דריי אויף רעכטס, צי אויף לינקס, פאַרשליסט הינטער זיך די טיר און ווערט פאַרשוואונדן. אין אַ מינוט אַרום גיט זיך אַ באַווייז ליכט אין אַ פענסטער אויף איינעם פון די שטאָקן, דערנאָך זעט זיך אויפן ווייסן פאַרהענגל פאַרשידענע קאָמישע באַוועגונגען וואָס דער שאָטן מאַכט נאָך — דאָס טוט זיך דער מענטש אויס און לייגט זיך שלאָפן...

צייט ער לעבט, באַרכע, איז ער נאָך אַזוי שפּעט אין גאַס נישט געווען, קוקט ער אויף אַלעם מיט נייגיריקייט און מיט טרויער...

אָט האָט זיך איינער פון די דורכגייער אָפּגעשטעלט און באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז צו די פיס.

— פאַרוואָס גייסטו נישט אַהיים, אינגל, שלאָפן?

— כ...כ...כ׳האָב נישט קיין היים.

דער פרעמדער מענטש האָט געזוכט אין די קעשענעס און געוואָרפן אים אַ מטבע, וועלכע איז געפאַלן אויף דעם מאַרמאָרנעם שוועל מיט אַ לאַנג געקלינגעריי.

האָט ער געוואָלט נעמען, באַרכע, די מטבע און נאָכלויפן דעם אומבאַקאַנטן מענטשן און זאָגן אים, אַז ס׳איז אַ ליגן, ר׳האָט יאָ אַ היים, אַ טאַטע מיט אַ מאַמע האָט ער, מיט אַ שוועסטערל... און אים צוריקגעבן די נדבה, אָבער ר׳האָט עס נישט געטון...

האָט ער לאַנג געקוקט אויף דער מטבע, נישט געקענט קיין אויג פון איר אָפּרייסן, אָבער־נישט קיין גלאַנציקע מטבע איז עס געווען, נאָר אַ ליכטיק אויג וואָס שפּעט און לאַכט פון אים:

— אַ בעטלער ביסטו געוואָרן, באַרכע, אַ בעטלער...

פאַרזיכטיק האָט ער די גלאַנציקע מטבע גענומען אין האַנט אַריין, באַטראַכט איר מיט אומצוטרוי פון אַלע זייטן, גלייך ר׳וואָלט מורא געהאַט, אַז זי זאָל אים נישט קיין ברי געבן... און געלאָזט זיך גיין מיט לאַנגע און פוסטע גאַסן.

צום פעטער ישראל וועט ער גיין. כאָטש עס איז שוין שפּעט, וועט ער אָנקלאַפּן, וועט אים דער פעטער עפענען...

אָבער איידער ר׳איז נאָך דערגאַנגען צום הויז, וואו דער פעטער ישראל האָט געוואוינט, האָט ער שוין חרטה באַקומען. וועט דער פעטער מיט דער מומען אים נעמען אויספרעגן און אויספאָרשן:

— „ווי אַזוי? פאַרוואָס? נאָכוואָס? נאָכווען? צוליב וואָס?"...

און דערנאָך ערשט וועט דער פעטער ישראל אויף זיין ברייטער שטימע נעמען אים מוסרן:

— „איך בין דאָך אויך אַמאָל אַ קינד געווען... איך אין דיינע יאָרן אין רוסלאַנד, בין דאָך שוין געווען אַ לייט אַ גאַנצער, אַ פאַרדינער..."

אַז באַרכע איז געקומען אויף אַ גרויסער פּלאַסע מיט אַ סך ביימער, בלומען־בייטן און מיט אַ מאָמוסענט אין דער מיט, האָט שוין געהאַט אָנגע־

הויבן צו טאָגן. די הימל,; האָבן פאַרלוירן זייער געדיכטע שוואַרצקייט, גלייך מ'וואָלט אַהין אַריינגעגאָסן עטלעכע פעסער מיט מילך... מיט דער מטבע אין דער האַנט, האָט זיך כאַרכע אַ מידער אויסגעצויגן אויף אַ באַנק און איז איינגעשלאָפן.

אָט, אָט האָט זיך אים גענומען פּלאָנטערן, אויסוועבן אַ חלום פון דעם, וואָס ר'האָט דורכגעלעבט, צייט ר'איז אַוועק פון דער היים — נאָר פּלוצים האָט ער דערפילט ווי אַ שטאַרקע האַנט וועקט אים:

— שטיי אויף ברודער! אַ פּלאַסע איז נאָר אויף צו עטעמען פרישע לופט און נישט צו שלאָפן...

דערזעענדיק פאַר זיך אַ וויזשילאַנט, איז כאַרכע גלייך געוואָרן אַן אויסגעשלאָפענער און ניכטערער, גלייך-ר'וואָלט ערשט אַרויס פון אַ קאַלטן וואַסער-שפּריץ... דער וויזשעלאַנט איז געגאַנגען צו ווייטערע בענק און דאָרטן אויך געוועקט שלאָפנדיקע, וועלכע כאַרכע האָט ביז איצט אינגאַנצן נישט באַמערקט.

מיטאַמאָל האָט כאַרכע דערהערט ווי איינער פּסיקעט אויף אים פון אונטערן מאָנומענט אַפּיר:

— פּססססס! פּססססס!

פון נייגיריקייט איז ער אַהין געגאַנגען, כאַרכע, פון וואַנען דאָס פּסיקען איז געקומען. אין אַ ווינקל פונם מאָנומענט איז געזעסן אַן אָרימער מענטש מיט אַ שטאַרק באַוואַקסענעם פּנים. ר'האָט זיך צו אים גוטמוטיק געווענדעט:

— דאָ קענסטו זיך גוט אויסשלאָפן. דאָ וועט דיך קיינער נישט וועקן.

— ס'שלעפערט מיך נישט.

— פאַרוואָס גייסטו נישט אַהיים?

— כ'האָב נישט קיין היים.

— פון וואַנען האָסטו עסן?

— כ'האָב נישט.

דער אָרימער מענטש מיטן באַוואַקסענעם פּנים האָט אים געגעבן פאַרשידענע עצות, ווי אַזוי צו באַקומען עסן אין רעסטאָראַנען, אָדער ביי שיפן אין פּאָרט.

כאַרכע איז געזעסן אויף דער שטיינערנער טרעפּ פון מאָנומענט און נישט געהערט כמעט וואָס מ'רעדט צו אים. דער קאָפּ האָט אים געברענט און נאָך מער אין מויל, איז ער געזעסן אַ צעהוישטער און אַ צעטומלטער, געטראַכט פון דער היים און נישט געוואוסט ווי אַזוי זיך איצט איבערצוגעבן...

דער אָרימער מענטש האָט אַרויסגענומען פון די טאַשן פאַרדאַרטע שטיקער ברויט און געגעסן מיט אַפּעטיט. ר'האָט כאַרכען אויך מכבד געווען, אָבער ר'האָט נישט געקענט-עסן: די ציין האָבן נישט געוואָלט קייען...

— ווילסט פאַרדינען געלט? — האָט ער זיך פּלוצים געווענדעט צו כאַרכען.

— נו?

— ווילסט, צי נישט?

— נו, כ'וויל, אודאי וויל איך.

— טאַ קום, וועלן מיר גיין צו דער מערקאַדאַ, דאָרט קען מען צו יעדער צייט עפּעס צולקחנען — וועלן מיר עס בשותפות פאַרקויפן.

נישט ווילנדיק האָט זיך כּאַרכע דערמאָנט אין דעם וויזשילאַנט וואָס האָט אים היינט אויפגעוועקט... האָט ער אים געענטפערט:

— גיי אַליין, כ'גיי נישט.

— האָסט מורא, האַ? אַ נאַר ביסטו. אַז דו וואָלסט געהאַט עפּעס־געלט וואָלטן מיר געקאָנט נעמען אַביסל צייטונגען און זיי פאַרקויפן.

כּאַרכע האָט אים דערלאַנגט די מטבע, וועלכע ר'האָט ביינאַכט באַקומען אַלס אַ נדבה פון אַן אומבאַקאַנטן.

זיי האָבן זיך צוזאַמען אַוועקגעלאָזט צו אַ רעדאַקציע, געקויפט צייטונגען, זיך איינגעטיילט מיט זיי און זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט מיט דער סחורה אין פאַרשידענע ריכטונגען, אָפּרעדנדיק זיך, אַז מיטיק־צייט וועלן זיי זיך צוריק טרעפן אויף דער פּלאַסע.

כּאַרכע האָט זיך געשלעפּט אַ מידער, אַ נישט אויסגעשלאָפענער און אַ הונגעריקער מיט דעם ביסל צייטונגען אונטערן אָרעם און נישט געקענט זיך מיט זיי אַן עצה געבן, אַז זיי זאָלן איינלינגן גלייך...

עפּעס נישט ווילנדיק אינגאַנצן האָט ער זיך איצט געפונען אויף זייער גאַס...

געטראַכט האָט כּאַרכע, אַז דער פאָטער מוז שוין פון לאַנג זיין אַוועק צו דער אַרבעט, אָבער ר'האָט זיך טועה געווען. די איינציקע אַרבעט פון זיין פאָטער איז היינט געווען אויפצוזוכן אים, כּאַרכען טאַקע...

און טאַקע גייענדיק אַזוי, נישט איבערקלערנדיק גאָרנישט, האָט ער זיך־אָנגעטראָפן כּאַרכע נישט אויף קיין אַנדערן... ווי אויף זיין טאַטן.

כּאַרכען זענען מיטאַמאָל די הענט פאַרליימט געוואָרן. די צייטונגען האָבן זיך אים אַרויסגעגליטשט פון אונטערן אָרעם, האָט ער זיך אַ וואַקל געטון און צוגעפאַלן צום פאָטער מיט אַ הויך געוויין...

מיטיק־צייט, האָט דער אָרימער מענטש מיטן באַוואַקסענעם פּנים לאַנג געוואַרט אויף זיין שותּף — אויף כּאַרכען — און ר'איז אַלין נישט געקומען...

סוף

אַ פערד איז געשטאָרבן

— א —

זינט היימל גייט אין שול האָלט די מאַמע אין איין אָנזאָגן אים, אַז, ווען ער גייט אַהיים זאָל ער נישט שפּילן אין „באָליזשעס" אויף דער פּלאַסע, נישט פאַרקוקן זיך צו לאַנג אין די שויפענסטער, נישט לויפן איבער גאַסן, נאָר גלייך קומען אַהיים.

עס האָט גענומען אַ שיין שטיקל צייט, ביז היימל האָט זיך איינגעוואוינט צו טון דאָס, וואָס די מאַמע הייסט אים, ווייל גראַד, ווען מען גייט אַרויס פון שול איז פריילעך, לעבעדיק אין גאַס און ס'איז פאַראַן צו זען און צו זען. פון אומעטום שיטן זיך אַרויס מענטשן און איילן זיך אויף מיטיק. די טראַמוואַיען זענען אַרומגעקלעפּט פון דרויסן מיט פּאַסאַזשירן און די שווערע, געפּאַקטע אָמניבוסן, שטופּן זיך, שפּייען מיט אַ שלעכטן רויך און ברומען אונטער צופרידענע, ווי זיי וואָלטן זאָגן: „וויפיל מ'וויל נאָר נאַפט צו זויפן, גיט מען, אַ מחיה צו לויפן, אַ מחיה!" די קלייניקע אויטאָס טרומייטערן, שרייען, קרעכצן, סקריפּען, בייזערן און בעטן זיך רחמים ביים ווזשעלאַנט, אַז ער זאָל אַ הייב טון זיין רעכטן אָדער לינקן אָרעם און לאָזן זיי לויפן, פליען איבער דעם גלאַנציקן, האַרטן אַספאַלט...

גראַד דעמאָלט, ווען מען גייט אַרויס פון שול, וויל זיך הימלען זייער שטאַרק בלייבן שטיין און קוקן, קוקן און אַלעס באַטראַכטן.

אהאַ, אפילו די מאַמע אַליין וואָלט דאַ שטיין געבליבן און זיך צו אַלעס צוגעקוקט, ווען זי וואָלט נאָר נישט געדאַרפט קאָכן מיטיק...

— ב —

האָט ער אַמאָל אַזוי גייענדיק אַהיים פון שול, געזען, אַז אין מיטן גאַס, אַרום אַ שווערן וואָגן, אָנגעלאָדן מיט אייזערנע שינעס שטייט אַ קופּקעלע מענטשן.

— וואָס קען דאָרט געשען?

אויף איין מינוטקעלע וועט ער צוגיין, אַ קוק געבן און גלייך אַוועקגיין.

האָט ער דערזען דאָרט עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט אים געמאַכט פאַרגעסן, אַז ער דאַרף גאָר איצט אַהיימגיין; ער האָט פאַרגעסן, היימל.

אַ גרויס און שווער פערד מיט „אַ ברוינער״ פעל, אָנגעטון אין געשפּאַן איז געלעגן אויף דער ערד אויסגעצויגן, און געקרעכצט. שטיל געקרעכצט, גלייך ווי עס וואָלט זיך געבעטן:

— „איך קען נישט מער, איך קען נישט, גלויבט מיר, גלויבט״...

דער בעל־הבית — אַ קליינינקער, אַ דיקער און אַ רויטער אויפן פנים — האָט געשאָלטן און געשפּיגן אויף אַלע זייטן. מיט דער בייטש האָט ער צוגערעדט דאָס פערד, אַז עס זאָל זיך בעסער אויפשטעלן.

האָט עס זיך געוואָרפן פון ווייטיק. אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט די באַקאַוועטע פיס געראַצט, געקלאַמערט זיך אין די שטיינער — אַזש פונקען האָבן זיך געשאָטן. אָבער די רימענס האָבן עס געפּענטעט, געשטיקט פון אַלע זייטן און דער גרויסער פערדישער קאָפּ, אַ מידער, האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דעם ברוק.

האָבן אַלע געהאָלפן אויפשנורעווען די רימענס און אויפבינדן די שטריק. אָבער דאָס פערד איז געלעגן אַזוי ווי אַ באַרג, אַ שווערער און זיך נישט גערירט פון אָרט:

— „עס איז מיר שוין אַלין איינס, טוט מיט מיר שוין וואָס איר ווילט״...

אויף דער ברוינער פעל האָבן זיך איצט גוט אָנגעזען „נעבטיקע״ און „היינטיקע״ בייטשן און רויטע אויסגעריבענע וואונדן פונם געשפּאַן. דער גראָבער בויך האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ — אַזוי ווי אַ מאַטאָר האָט ער געאַרבעט. די שווערע און האַריקע פיס האָבן זיך באַוואויגן אַהין און צוריק, גלייך זיי וואָלטן נאָך געגאַנגען אין וואָגן... דער באַוואַקסענער קאָפּ פאַררוקט אויף אַהינטער, ליגט אָנגעליינט אויף אַ שפּיציקן שטיין, פון מויל שפּאַרט זיך אַ שוים, אַ ווייסע און אַ רויטע וואָס אַמאָל מער און מער, און די אויגן אַזעלכע שטאַרק גרויסע, ווייסע, גלעזערנע און מוראדיק איבערגעדרייטע, קוקן ווייט און בלינד, קוקן, דערציילן און בעטן זיך עפּעס אין דער שטיל, שטום ביי יעדן באַזונדער.

ווער ווייס וואָס ס'וויל זאָגן אַ פערד, ווען ס'האַלט ביים שטאַרבן?!...

עס איז געווען וואַרעם, די זון האָט ליבטיק געשיינט, נאָר היימלען איז פּלוצים עפּעס קאַלט געוואָרן...

און דאָס צווייטע פערד, וואָס איז נאָך געבליבן שטיין געשפּאַנט אין וואָגן, וואָס טראַכט עס דען איצט? אַלע רגע דרייט עס אויס דעם קאָפּ צום חבר, וואָס ליגט אויף דער ערד, און קייעט, קייעט אַזוי פּאַמעלעך און טרויעריק דעם אייזן אין מויל.

צי איז עס טרויעריק וואָס דער חבר איז געשטאָרבן, צי גאָר דערפאַר וואָס עס וועט איצט אַליין מוזן שלעפּן דעם שווערן וואָגן?..

קומט אַ וויזשילאַנט און לאָזט נישט שטיין, יאָגט אַוועק. שטייט שוין היימל אויפן טראָטואַר, פול מיט רחמנות און גוטסקייט, און עס ווייזט זיך אים אויס, אַז די בלינדע אויגן פון פערד קוקן אויף אים, קוקן וואָס אַמאָל שטאַרקער, שאַרפער, טיפער. אָט, אָט וועלן זיי אים אַ כאַפּ געבן און אַ צי טון צו זיך...

גייט ער שוין אַהיים הײמל, אָבער די בלינדע אויגן גייען אים נאָך, אין אָנהויב פּאַמעלעך, דערנאָך גיכער, גיכער, און אַט, יאָגן זיי זיך נאָך אים און ווילן עפּעס, ווילן עפּעס — — — — — — — — — — — — — — —

— ג —

ערשט העט־העט, אַ שטיק נאָכמיטיק, אַז דער פאָטער איז שוין געהאַט אַוועק אין פּאַזשער, איז הײמל אַהיימגעקומען, אַ צעטומלטער, מיט אַ שטאַרק בלייכן פּנים און דערשראָקענע אויגן.

שטענדיק, אַז ער האָט געטון עפּעס אַ „שלעכטע” זאַך, פלעגט ער אַריינקומען אין שטוב דווקא אַ פריילעכער און באַלד דערציילן עפּעס אַ מעשׂה וועגן אַ ביאָגראַף, אַ „טשאַקע”. הײנט האָט ער געשוויגן. האָט זיך די מוטער דערשראָקן פאַר זיין אויסזען און נאָכמער פאַר זיין שווייגן. זי האָט אים גענומען אויספרעגן:

— דער לערער האָט דיך איבערגעלאָזט אין קלאַס?

— האָסט געבלאָנדזשעט?

— האָסט זיך געשפּילט אויף דער פּלאַסע?

הײמל האָט בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— אָבער פאַרוואָס שטייסטו אַזוי ווי אַ גולם? ווי דו זעסט אויס! וואו ביזטו דען געווען? רעד!

הײמל האָט געקניישט מיט דער האַנט דאָס אויסגעריבענע לעדערל פון דער ביכער־טעקע און געענטפערט:

— דאָרט פאַר דער מערקאַדאָ בין איך געשטאַנען, אַ פערד איז גע־שטאָרבן, עס האָט געהאַט אַזעלכע בלינדע אויגן, מאַמע, איך שרעק זיך — —

אַז די מוטער האָט זיך צעלאַכט הויך און גענומען בייזערן זיך פאַר־וואָס ער שלעפּט זיך נאָך פערד און וועגנער, האָט הײמל געפילט אַ ווייטיק, גלייך ווי מען וואָלט אים געשלאָגן מיט אַ בייטש, און האָט געזאָגט:

— עס איז אַ רחמנות, מאַמע, לאַך נישט אַזוי. אַז דו וואָלסט דאָרט געווען, וואָלסטו אויך נישט געלאַכט...

— ד —

דעם טאָג האָט שוין הײמל גאָרנישט געגעסן. דערפאַר האָט ער גאָר אַ סך געטרונקען. דער גאַנצער קאָפּ האָט אים געברענט. איז ער געלעגן אויפן בעט; אָבער שלאָפן האָט ער נישט געקאָנט. האָט ער געטראַכט און געטראַכט און געהאַלטן אין איין שטעלן פראַגן דער מוטער, וואָס איז גע־זעסן לעבן אים און געניייט:

— ווער האָט געמאַכט, מאַמע, אַז די פערד זאָלן ווערן פערד?

— פאַרוואָס זענען מיר, איך, דו, און דער טאַטע נישט געוואָרן קיין פערד?

— פאַרוואָס, מאַמע, זענען די פערד בעסער נישט געוואָרן קיין פייגע־לעך, פאַרוואָס?

— אַ פערד קען וויינען, מאַמע?...

וואַלענטין, דער צייטונגס־פֿאַרקויפֿער

וואַלענטין איז אַ פֿלינקער און געשיקטער צייטונגס־פֿאַרקויפֿער. גרינג ווי אַ זומער־פֿייגעלע שפּרינגט ער מיט אַ פּאַק צייטונגען אונטערן אָרויס פֿון איין לויפֿנדיקן טראַמוואַי אויפֿן צווייטן, און מיט אַ קוויטשעדיקער סאָפּראַן־שטימע רופֿט ער אויס די נעמען פֿון די צייטונגען. מע״ג אַ אָמניבוס זיך יאָגן מיט דער גאַנצער שנעלקייט, נאָר קוים האָבן וואַלענטינס ראַדיאָ־אויערן אויפֿגעכאַפּט עפּעס אַ קלאַנג, צי אַפֿילו נאָר אַ ווידער־קול פֿון אַ קלאַנג, אַז מ׳רופֿט אים. וועט ער שוין ווי ס׳איז דעם אָמניבוס אָניאָגן און זיך אַרויפֿכאַפּן.

עס איז ערשט צוויי יאָר, אַז וואַלענטין איז געוואָרן אַ צייטונגס־פֿאַרקויפֿער, און אַלע פֿון דער געגנט און ווייט אַרום, וווּ ער אַרבעט, קענען אים שוין גוט, און גערן קויפֿן זיי בײַ אים די פֿרימאָרגן און נאָכמיטיק אויסגאַבעס. וואַלענטינס פֿלינקע אויגן — צוויי שוואַרצע לבֿנות אויף זײַן טונקעלן פּנים, וואָס באַוועגן זיך, טאַנצן אַרום אויף אַלע זײַטן, דערקענען שוין גוט אַלע קליענטן זײַנע, און מיט אַ שמייכל טראָגט ער זיי אַנטקעגן יעדן זײַן צייטונג.

פֿאַרטאָג, ווען די שטערן פֿינקלען נאָך אויפֿן הימל און די גאַסן זענען נאָך פּוסט, שטייט ער אויף, וואַלענטין, צו דער אַרבעט — כּדי שפּעטער, אַז די מענטשן קומען אַרויס פֿון די שטיבער זאָלן זיי קענען וויסן וואָס עס הערט זיך אין אַלע עקן וועלט...

און אַזוי ביז שפּעט בײַנאַכט הערט נישט מיד וואַלענטין זיך צו דרייען, באַוועגן און לויפֿן אויף די באָרוועסע פֿיס. און זײַן האַלז הערט נישט הייזעריק אויסצורופֿן די נעמען פֿון די צייטונגען און אויסצושרייען די וויכטיקסטע נײַעס, וואָס עס שרײַבט זיך היינט אין זיי.

און דערפֿילט ער אַמאָל אַ מידקייט, ווייסט ער שוין וואָס ער דאַרף טון, — זעצט ער זיך אוועק אויף אַ באַנק פֿון אַ נאָענטער פּלאַסע, אָדער שפּאַרט זיך אָן אויף אַ מאַרמאָרנער שוועל פֿון אַ געשעפֿט, וואָס האָט זיך פֿאַרשלאָסן אויף מיטיק... און אַז ער דרימלט זיך איבער אַ ביסל צוקאָפּנס פֿונעם אייביקן שטאָט־גערויש און טומל, שטייט ער אויף מיט נײַע קוואַלן ענערגיע צו דער אַרבעט...

קען שוין וואַלענטין יעדעס ווינקעלע אין גאַס, און אַלע רעדאַקציעס איז

ער באַקאַנט, מיט אַלע ציַיטונגס־פאַרקויפער — קען ער זיך, און אין „באַר־אויטאָמאַטיקאַ" וואו מען וואַרפט אַריַין אַ ניקל און עס קומט אַרויס אַ טעלער עסן — איז ער גאָר אַן אַנגעלייגטער גאַסט.

אַ פאַרדינער איז ער, דער עלף־יעריקער וואַלענטין. פאַרדינט ער פאַר זיך און פאַר זיַין מאַמען. שפּעט אין אָוונט ברענגט ער אַהיים די פאַרדינטע ניקלס, און אַליין פאַלט ער אַנידער אַ געהרגעטער אויפן געלעגער.

איז וואַלענטין שוין אויף אַ רעכטן אמת אַ ציַיטונגס־פאַרקויפער. ווייסט ער פון אַלע באַהעלטענישן און סודות פון זיַין פאַך. און אַז עס טרעפט זיך, אַז מענטשן האָבן נישט קיין חשק צו קויפן די ציַיטונגען, — טראַכט ער אַליין צו נייעסן אַזעלכע, וואָס מענטשן האָבן זיי ליב צו הערן, און ער שריַיט זיי אויס, גליַיך ס'זאָל זיַין אַן אמת:

— געהרגעט געוואָרן דער פּרעזידענט!

— אַ רעוואָלוציע אין שפּאַניען!

— שרעקלעכע ערד - ציטערניש אין פּערו!

— אַ בלוטיקע מלחמה מיט באַנדיטן!

דערהערן מענטשן אַזעלכע נייעסן, כאַפּט מען די ציַיטונגען פון די הענט, און אַז זיי ווערן געוואויר, אַז וואַלענטין האָט זיי היַינט אָפּגענאַרט, מאַכן זיי זיך נישט וויסן. — — —

אָבער נישט אַלע טאָג איז וואַלענטין אַזוי גוט געשטימט אָפּצונאַרן זיַינע קליענטן. טרעפן זיך טעג, ווען אַן ערנסטקייט באַדעקט זיַין טונקלען פּנים, און זיַין שטימע קלינגט אַזוי אומעטיק איבער די רוישיקע גאַסן.

פאַרוואָס ווערט דען טרויעריק וואַלענטין?

פאַר צוויי יאָרן איז עס געווען, גוט געדענקט ער, ווען אַמאָל ביַינאַכט, זענען פּאָליציי־לייט מיט רעוואָלווערן אין די הענט אַריַינגעקומען צו זיי אין שטוב, צוגעגאַנגען צום פאָטערס בעט, אים אויפגעוועקט, געבונדן די הענט אים מיט קייטלעך און אים מיטגענומען מיט זיך... האָט די מאַמע געוויינט, געריסן זיך די האָר פון קאָפּ, און וואַלענטין איז געבליבן ליגן אַ דערשראָקענער, אַ צעטומלטער אין פאָטערס בעט, און נישט געוואוסט וואָס זיי האָבן צו זיַין טאָטן...

פון דעמאָלט אָן ווייסט ער נישט וואָס עס איז געשען מיט זיַין פאָטער.

טראַכט אָפּטמאָל וואַלענטין פֿון זיין פֿאָטער, פֿרעגט זיך נאָך בײַ דער מאַמען, אָבער זי וויל אים גאָרנישט זאָגן, גאָרנישט דערציילן און מיידט אויס שטענדיק צו רעדן דערוועגן.

האָבן זיך אָוועקגעשטעלט מיטאַמאָל אַזעלכע פֿוילע, גענצדיקע, רעגנדיקע האַרבסט־טעג. קאַפּעט אָן אויפֿהער פֿון דער פֿרי, ביז אויף דער נאַכט, קומט ער אַהיים, וואַלענטין, אַ דורכגענעצטער ביז צום ביין, אַ ציטערנדיקער פֿון קעלט און נעץ.

מיט אַ פֿאַרקילטער און הייזעריק־סקריפּנדיקער שטימע רופֿט ער אויס די לעצטע נייעסן פֿון די צייטונגען, גלייך אין האַלדז בײַ אים האָט זיך איינער אַוועקגעשטעלט מיט אַ טעמפּער זעג און זעגט אַ האַרטן האָלץ. — —

און נייעסן איז גראַד פֿאַראַן אַ סך. ערשט נעכטן האָט די פּאָליציי דערשאָסן אַ באַרימטן באַנדיט, וואָס האָט געהייסן מיט אַ צונאָמען „על פּיבע“, וועלכער האָט אַ שטיק צייט מיט זיינע דרייסטע איבערפֿאַלן אַנגעוואָרפֿן אַ שרעק אויף די איינוואוינער פֿון שטאָט.

שרייט וואַלענטין מיט אַלע כּוחות:

— געהרגעט דעם באַנדיט „על פּיבע“!

זענען מענטשן נייגיריק צו וויסן, ווי אַזוי עס איז אומגעקומען דער שרעקלעכער באַנדיט. כאַפּן זיי די צייטונגען און לייענען, און בײַ וואַלענטינען, איז שוין די רעכטע טאַש פֿון דער פּיזשאַמע געשוואָלן פֿון ניקלס... שוין לאַנג, לאַנג, אַז וואַלענטין האָט נישט געהאַט אַזאַ גוטן טאָג: פֿון אַ באַרג מיט צייטונגען איז אים נאָך עטלעכע פֿאַרבליבן, וועט ער זיי אויך פֿאַרקויפֿן.

שרייט ער שוין פֿון פֿרייד נאָך העכער און שטאַרקער:

— געהרגעט דעם באַנדיט „על פּיבע“, געהרגעט!!

קיינמאָל איז וואַלענטין נישט נייגיריק צו קוקן, וואָס עס שרייבט זיך אין די צייטונגען, אָבער היינט ווילט זיך אים עפּעס געוואויר ווערן וועגן דעם געשאָסענעם באַנדיט. לייענען האָט ער נישט קיין צייט, אָבער פּאָקוקן די בילדער, וועט ער יאָ.

אַז וואַלענטין האָט געעפֿנט אַ צייטונג און אַ קוק געטון אויפֿן בילד פֿון דעם דערשאָסענעם באַנדיט, האָט אים גענומען שווינדלען פֿאַר די אויגן און די רעשט צייטונגען האָבן זיך אים אַרויסגעגליטשט פֿון אונטערן אָרעם — ס'איז געווען זיין פֿאָטער...

פּונקט די זעלבע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויף אים צום לעצטן מאָל דעמאָלט בײַנאַכט, ווען די פּאָליציי האָט אים אַרויסגעפֿירט פֿון שטוב. די זעלבע אויגן — — —

וואַלענטין האָט נישט אויפֿגעהויבן די צייטונגען פֿון אויף דרערד, פֿון געוואוינהייט האָבן אים די פֿיס געטראָגן ערגיצוואו. די רעכטע טאַש פֿון דער פּיזשאַמע, וואו עס זענען געלעגן די ניקלס, וועלכע ר'האָט היינט פֿאַרדינט אַ דאַנק זיין פֿאָטערס טויט, איז אים געוואָרן שווערער און שווערער. אַ לאַסט אַ גאַנצע, וואָס וועט אים דערדריקן...

פאַרזיכטיק האָט ער אַריינגעשטעלט זיין האַנט אין קעשענע, אַנגענו־מען אַ זשמעניע מיט ניקלס און גענומען זיי זייען, וואַרפן אַרום זיך אויף דער ערד...

אַז די קעשענע איז שוין פוסט געווען, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף אַ נאַסער באַנק פון דער פּלאַסע און גענומען גלאָצן אויף די פאַרוואָלקנטע, מרה־שחורה הימלען.

פון צייט צו צייט האָבן דערגרייכט צו זיינע אויערן די אויסגעשרייען פון זיינע חברים, וואָס האָבן פאַרקויפט צייטונגען אויף יענער זייט פּלאַסע:

— דערשאָסן דעם באַנדיט „על־פּיבע”, דערשאָסן!

אָן צען סענט — פֿאָרט מען נישט

דער דירעקטאָר, דער בעל־הבית פֿון אַלע אונטער־ערד־באַנען, איז געקומען צופֿאָרן אַזש פֿון ענגלאַנד: אַ יונגער, געלערנטער אינזשעניער.

האָט ער, דער דירעקטאָר, אויסגעקלערט אַ קלוגע מאַשינקע אַזעלכע, אַז צו פֿאָרן זאָל מען נישט דאַרפֿן קויפֿן קיין בילעטן.

בײַ דעם דורכגאַנג פֿון יעדער סטאַנציע האָט ער אַוועקגעשטעלט אַזאַ מאַשינקע, און אַז עס וואַרפֿט עמיץ אַרײַן צען סענט, עפֿנט זיך אַ טירעלע, אַז נאָר איין מענטש זאָל קענען דורכגיין.

קיינער האָט נישט געקענט דעם דירעקטאָר, קיינמאָל האָט אים קיינער נישט געזען, ווײַל גאַנצע טעג זיצט ער בײַ זיך אין שטוב און אַרבעט, לערנט און טראַכט נאָך, ווי אַזוי אויסצוקלערן נײַע, קלוגע מאַשינען.

איינמאָל פֿאַרנאַכט, נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעטן, איז דער דירעקטאָר אַרויס פֿון שטוב זיך אַ ביסל דורכצושפּאַצירן. געטראַכט האָט ער, נישט געוויוסט, האָט ער דעריבער גאָרנישט גענומען מיט זיך: נישט דעם הויכן שוואַרצן צילינדער, נישט די הענטשקעס פֿון ווײַסן לעדער, נישט דעם שטעקן מיטן גאָלדענעם רייפֿל, וואו עס איז אויסגעקריצט זײַן נאָמען, און אַפֿילו נישט דעם טײַסטער מיט געלט האָט ער מיטגענומען; אָט אַזוי ווי ער איז געגאַנגען און געשטאַנען, איז ער זיך אַוועקגעגאַנגען.

פֿאַרטראַכט און פֿאַרמוטשעט גייט דער דירעקטאָר פֿון איין קוואַדראַט צו דער צווייטער, ביז ער איז פֿאַרקראָכן אין אַ ווײַטער געגנט פֿון שטאָט.

ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז שוין ווײַט פֿון זײַן שטוב, האָט ער געוואָלט אַראָפּגיין צו דער אונטער־ערד־באַן און אַהיימפֿאָרן, ווערט ער ערשט געוואויר, אַז ער האָט נישט קיין געלט בײַ זיך, צומאָל קיין צען סענט אויך נישט... און די מאַשינקע, וועלכע ער אַליין האָט צוגעטראַכט, וועט אים נישט דורכלאָזן...

נעמט ער קלאַפּן, רײַסן, אָבער די מאַשינקע מאַכט זיך נישט וויסן:

— אַז מ'האָט נישט קיין צען סענט — פֿאָרט מען נישט, שטייט מען פֿון דרויסן...

און פֿון אַלע זײַטן שיטן זיך מענטשן מיט צענער סענטן אין די הענט, וואַרפֿן אַרײַן און גיין אַדורך, און ער, דער דירעקטאָר פֿון אַלע אונטערערד־

באנען אין שטאט, שטייט ווי א גולם... פארדריסט עס אים, אבער ער ווייסט נישט וואס ער זאל טאן.

גייט ער צו צו איינעם און בעט זיך ביי אים:

— איך בין דער דירעקטאר פון אלע אונטערערד־באנען, ווארפט אריין פאר מיר צען סענט אין דער מאשינקע, איך וועל צוריק אפגעבן.

לאכט יענער פון אים, ער מיינט אז ס'איז עפעס א שוטה, א משוגענער.

גייט ער צו א צווייטן, א דריטן, א זיבעטן, וויל אים קיינער נישט גלויבן, אלע לאכן פון אים און האלטן אים פאר א משוגענעם.

פארדריסט עס אים נאך מער פאר דער הוצפה. שטעלט ער זיך אוועק פאר דער מאשינקע און שריים שוין אין כעס:

— איך בין דער נייער דירעקטאר פון אלע אונטערערד־באנען אין שטאט! אז איך וויל, וועל איך קיינעם נישט לאזן פארן!

ווערט א געדרענג און א געלעכטער.

— ווארפט ארויס פון דאנען דעם משוגענעם דירעקטאר! ווארפט אים ארויס! — הערן זיך געשרייען פון אלע זייטן.

זיי האבן אים טאקע ארויסגעווארפן.

גייט ער אויף דער גאס א מידער, א בייזער, מיט צושויבערטע האר און א מחנה קינדער לויפן אים נאך, רייצן זיך מיט אים, לאכן און שרייען:

— אז מ'האט נישט קיין צען סענט, גייט מען צופוס...

— מיר ווילן אויך פארן, אבער די מאשינקע לאזט נישט...

— אט גייט דער דירעקטאר פון אלע אונטערערד־באנען, מאכט א וועג פאר אים!..

— ווער וויל אים פארגן צען סענט, חברה?!

לאכן חברה און שטיפן...

שפרינגט אונטער איינער פון דער חברה און רוימט איין דעם צעטומלטן דירעקטאר א סוד אויפן אויער, א סוד פון וועלכן אלע ווייסן שוין:

— הערט נאר! דארט ביי דער מאשינקע, וואו מען ווארפט אריין די צענער סענטן, קען מען פון אונטן ארום דורכקריכן, ווען קייגער זעט נישט... מיר טוען אויך אזוי...

שמייכלט ער, דער דירעקטאר, ווייזט אויס, אז עס געפעלט אים דער פלאן. שארט ער זיך פאוואלינקע צו דער ערשטער סטאנציע, און חברה לאזן אים נישט אראפ פון אויג.

אט שטייט ער שוין אונטן ביים סאמע דורכגאנג. איצט פרואווט ער נישט מער די מאשינקע, צי זי וועט אים דורכלאזן, נאר קוקט זיך גוט ארום אויף אלע זייטן.

שטייען חברה און קוקן זיך איין צו זיינע באוועגונגען... [illegible] שמייכלען זיך פון געלעכטער: איצט פארשטייען זיי שוין אלץ...

און אט ליגט שוין טאקע דער דירעקטאר, אזוי גו[illegible] איז, אן אויסגעצויגענער אויף דר'ערד און דרייט זיך ווי א של[illegible] וויל דורכקריכן דורך אונטן...

ווייסן שוין חברה אַליין וואָס זיי האָבן איצט צו טון. שלעפּן זיי אים בײַ אַ פּוס און שרייען:

— מ׳טאָר נישט! מ׳טאָר נישט! אָט דאָ איז געשריבן פון נייעם דירעקטאָר, אַז ווער עס וועט קריכן דורך אונטן אַרום, וועט באַצאָלן אַ שטראָף, אַ האַרבע שטראָף...

אויף דער וואַנט הענגט טאַקע אַזאַ טאָוול, און ער דערמאָנט זיך גוט, אַז ער אַליין האָט אים אָנגעשריבן און געהייסן אומעטום צעקלעפּן אַזעלכע אויפשריפטן...

ליגט איין העלפט דירעקטאָר פון יענער זייט מאַשינקע און די צווייטע העלפט פון דער זייט און ער שטאַמלט עפּעס אין דער שטיל:

— איך אַליין בין דאָך דער דירעקטאָר, איך מעג, דער דירעקטאָר פון אַלע אונטערערד־באַנען...

ווערט ערשט אויפגעסניי אַ הוראַ, אַ געלעכטער...

קומען מענטשן פון אַלע זייטן און לאַכן, לאַכן, צעשיטן זיך פון געלעכטער פון דעם נאַרישן דירעקטאָר...

אין דער גאַנצער שטאָט האָט מען שוין געוואוסט דערפון. אויך זיינע אייגענע קינדער, די קינדער פון דירעקטאָר, זענען אַהין געקומען און אויך געהאַלפן לאַכן...

זיי האָבן אים נישט דערקענט, נישט דערקענט דעם טאַטן זייערן... ווי אַ משוגענער, האָט ער שוין איצט אויסגעזען...

און דער דירעקטאָר — אַן אויסגעלאַכטער און אויסגעפייפטער, איז געשטאַנען אַ פאַרשעמטער, אַ צעטומלטער און אומבאַהאָלפענער און אַ בייזער און אַ צאָרנדיקער — די גאַנצע וועלט וואָלט ער איצט צעריסן, צעקוועטשט מיט זיינע לאַנגע אומבאַהאָלפענע הענט. דער קלוגער און שטענדיק רואיקער — דער אמתער דירעקטאָר פון אַלע אונטערערד־באַנען...

אַ רחמנות געווען צו קוקן אויף אים!



אַ חלום פון אַ שוך־פּוצער...

הייסט די פּלאַסע: „אַנסע", „טרעסע", צי גאָר „קינסע" — וואָס איז דען דער אונטערשיד? מענטשן אויף דער פּלאַסע איז דאָ אַ סך, אָבער קיינער קוקט נישט פּוצן זיך די שיך. זיצט זיך דער שוך־פּוצער אַזוי אויף אַ קעסטל, שווייגט, און וואַרט געדולדיק פאַר דער טיר פון אַ רייכן רעסטאָראַן — אַ הונגעריקער.

די וואָס גייען אַרויס פון רעסטאָראַן זענען אָנגעגעסענע, זאַטע — באַמערקן אים נישט: זיי ווישן זיך אָפּ די ליפּן, פאַרקנעפּלען זיך די מאַנטלען, אַז עס זאָל־קיינער נישט דערקענען אויף זיי, אַז זיי האָבן געגעסן און גייען זיך זייער וועגס...

און דער טאָג איז אַזאַ פאַרשלאָפענער און פוילער. עס איז שוין נאָכמיטיק און די זון וויל נישט אויפשטיין, זי וויל נישט. וואָס קען מען דען איר טון, אַז קיינער האָט נישט קיין דעה איבער איר? שטעקט זי אַלע ווײַלע אַרויס דעם קאָפּ פון אונטער די ווייסע, פּוכיקע וואָלקן־קישנס, קוקט זיך גוט אַרום מיט אַזעלכע רויטע, נישט אויסגעשלאָ[illegible]ע אויגן־שטראַלן, טראַכט אַ ווײַלע און באַהאַלט זיך צוריק, נורט די [illegible] אויפסניי אין דעם ווייסן, צעקנוידערטן בעטגעוואַנט. וואָס איז [illegible] איבערן ברייטן הימל־בעט...

ווערט וואָס אַמאָל טונקעלער און דער [illegible]ער ביים האַרצן נאָגט, צופּט און דער קאָפּ טראַכט אַזעלכע נאַרישקייטן פון זיך אַליין:

— אַך, ווי גוט וואָלט געווען, ווען די בוימער פון דער פּלאַסע זאָלן אין אַנגעטון אין שוואַרצע, צי געלע שיך... ווי גוט! — — —

אַזאַ שלעכטער, פאַסקודנער טאָג הײַנט... אויף די מאַרמאָרנע ווענט פון די געשעפטן און אויף די דעכער אַרום דער פּלאַסע ברענען שוין אַלערליי פאַרביקע לעמפּלעך פון די רעקלאַמעס. צינדן און פאַרלעשן זיך פון זיך זעלבסט, און דרייען זיך אַרום אַ ראָד, ווי אַ בלין, ווי אַ כּשוף — פאַרקוקט זיך דער שוך־פּוצער אויף זיי, ציילט זיי און ציילט, און פאַרגעסט, אַז ער האָט נאָך הײַנט גאָרנישט געגעסן...

נאָר אָט גיסט ווער מיט טרערן, גיסט, און מענטשן פון אַלע זײַטן לויפן געוואויר ווערן, שטופּן זיי זיך און ווייסן נישט וואו. לויפט ווער צום „סובטעראַנעאַ", אַנדערע צו די טראַמוואַיען.

ווער האָט זיך דאָס צעוויינט אַזוי הויך אויפן קול, אַז די טרערן קלינגען אַזש אויפן הארטן אַספאַלט און אויף די דעכער, ווער דאָס?

— ניין, קיינער וויינט נישט, דאָס ווייזט זיך אים נאָר אַזוי אויס, דאָס האָט זיך פּלוצים אַזוי צערעגנט און מענטשן לויפן אויסבאַהאַלטן זיך פון רעגן.

ווייסט ער שוין איצט אויף זיכער, אַז עס איז בחינם זיין זיצן. וועלכער משוגענער וועט זיך אין אַ גוס־רעגן אַוועקשטעלן אין גאַס צו פּוצן זיך די שיך? ער ווייסט עס גוט, אָבער עס וויל זיך נישט אויפשטיין. וואָס אַרט אים דען, אַז עס רעגנט — זאָל רעגענען, אַז ער זיצט זיך סיי־ווי אונטער אַ באַלקאָן און עס רעגנט נישט אויף אים, נאָר עס שפּריצט בלויז...

רוקט ער זיך נאָך בעסער צו דער וואַנט צו. זיצט ער איצט פּונקט אַנטקעגנאיבער דעם אויטאָמאַטישן־באַר. אַלעס זעט מען פונדאַנען. איצט איז ער פול מיט מענטשן, זעט מען נישט דאָס אָרט, וואו עס זיצט די קאַסירין, אָבער דעם קראַן, וואו מען וואַרפט אַריין צען סענט אויף אַ „קאַפּע־קאַן־לעטשע" — זעט זיך יאָ; אָט ביים סאַמע עק איז ער, אין דער פינסטער וואַלט ער צו אים געטראָפן...

וויל ער שוין אָבער בעסער אַזוי זיצן און וואַרטן אויף גאָרנישט, קוקן אויף די טויזנטער קאָלירטע לעמפּלעך, וואָס לעשן און צינדן זיך אָן אויפהער און שפּיגלען זיך אָפּ אויפן נאַסן אַספאַלט. זענען שוין די „סאָפּאַטיזשעס" זיינע דורכגענעצט — איז אים אַלץ איינס, נאָר אָט אַ דאָ אונטערן האַרצן פילט ער אַזאַ שוואַכקייט, אַ חלשות, אַ מידקייט אַזאַ — אַזש עס שווינדלט פאַר די אויגן — און אָט, אָט — — — —

נאָר פאַרוואָס איז עפּעס פּלוצים אַזאַ גערדרענג און געשטופּס געוואָרן?

די גאַנצע פּלאַסע פון עק ביז עק, איז שוין איבערפולט מיט מענטשן, אַזאַ געדרענג, און ער זיצט אויף אַ מאַרמאָרנער טרעפּ פון מאָנומענט, וואָס שטייט אין סאַמע מיט פון דער פּלאַסע און ער איינער אַליין פּוצט אַלעמען די שיך... שטעלן זיי זיך, די מענטשן אויס אין שורות לאַנגע, לאַנגע, און ער פּוצט און פּוצט, אַ רייב מיטן בערשטל, אַ שמיר — און עס גלאַנצן, פינקלען שוין די שיך, ווי אַ שפּיגל. גייען שוין טויזנטער מענטשן אין אָפּגעפּוצטע בלאַנקענדיקע שיך, אַזעלכע צופרידענע, פריילעכע, לוסטיקע זענען זיי היינט און די זון שיינט — אַ מחיה, אַ פאַרגעניגן!

זענען שוין אַלע זיינע טאַשן אָנגעשטאָפּט מיט ניקל, ליינט ער שוין ־אָס איבעריקע אין אַ בלעך פון נאַפּט — איז זי אויך שוין פול, פול, און פון דאָרט מיט דער אונטערערדבאַן קומען נאָך, נאָך מענטשן, פון אומעטום, פון דער גאַנצער וועלט קומען זיי און בעטן זיך מיט טרערן:

— האָב רחמנות אויף אונז און פוץ אונז אָפּ די שיך! אויך מיר ווילן זיין פריילעכע, אויך מיר...

האָט ער אויף זיי רחמנות. אַלע, אַלע ביז איינעם, די גאַנצע וועלט וועט באַלד גיין אין גלאַנציקע שיך, אַלע, אַלע — ער אַליין אויך, ער אויך, די מאַמע וועט אים קויפן אַ פּאָר געלע שיך, אָט אַזעלכע, ווי יענער האָט... נאָר איין מינוטקעלע, אַ רגעלע, ער וועט נאָר אַהיימטראָגן דאָס געלט דער

מאַמען און בּרענגען פּאַמאַדע, אַ גרויסע שאַכטל פּאַמאַדע, עס זאָל סטייען פאַר אַלע, פאַר אַלע, פאַר אים אויך... שלעפט ער שוין דאָס גאַנצע געלט פאַר דער מאַמען און קוים, קוים, וואָס ער דערשלעפּט. ווערט דאָס געלט וואָס אַמאָל שווערער, שווערער, מיטן גאַנצן כּוח שלעפּט ער און שלעפּט, ווי אַ פערד אַ שטאַרקס, נאָר עס שטעכט אַזוי — אין די פיס, שטעכט! שטעכט! שטעכט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער גאָרנישט געוואוסט, וואו ער געפינט זיך, און פון וואַנען ער קומט אַהער, אין שפּיטאָל אַריין. גאָרנישט האָט ער געדענקט...

די שטאט — א שטייג...

היינט זענען אלע אוועקגעגאנגען און יאנקעלע איז געבליבן אליין אין שטוב מיט דער פארבאנדאזשירטער, קראנקער פוס זיינער.

עס איז שוין עטלעכע הדשים, ווי יאנקעלע האט באקומען א שטארקן קלאפ אין פוס, ווען ער האט זיך אנגעהאנגען אין א פארנדיקן טראמוואי, האט ער א קראנקע פוס. דאקטוירים זאגן, אז עס וועט אים גארנישט זיין, אבער אים טוט דערווייל וויי, און נאך ווי! און די פוס אליין, פון זיין אזוי לאנג באנדאזשירט איז געווארן איינגעטריקנט און אויסגעדארט ווי א שטעקעלע. ארומגיין אין שטוב — גייט ער, אבער אין דרויסן — נישט.

אזא טרויעריקער און דערשלאגענער איז ער, יאנקעלע!

ארט אים גארנישט. וואס ער איז אליין געבליבן אין שטוב. אט אויף דער אונטערשטער פאליצע אין קרעדענין שטייט דער סאק מיט גאר גוטע זאכן, אבער עס נעמט אים נישט קיין חשק, עס ציט נישט.

דאסגלייכן מיט דער שוועסטערס שופלאד מיט זאכן, וועלכער שטייט אויף דער העלפט אפן — נישט ער קוקט אהין אפילו.

גארנישט געפעלט אים, גארנישט אינטערעסירט אים לעצטנס. ער האט שוין באלד פארגעסן, ווי די גאס זעט אויס.

אין אנהויב, זענען נאך געקומען צו אים עטלעכע הברים, האבן זיי אים דערציילט, אבער לעצטנס קומען זיי שוין נישט מער, זיי האבן פארגעסן אין אים...

זיצט ער א שעה, צוויי, דריי אויף דער אנלען-שטול, קוקט, גלאצט אין טונקעלן צימער אריין, און באטראכט די געוויקסן און פלאנצונגען, וואס זענען צעשטעלט אין שטוב און וואקסן ארויס פון נאפט-בלעכן און פון אפגענוצטע, פארזשאווערטע טעפלעך אן אויערן...

א וואונדערלעכע זאך! זינט יאנקעלע איז קראנק אויף דער פוס און קען נישט גיין אין גאס ווי פריער, פארנעמט ער זיך גאר שטארק מיט די פלאנצונגען אין שטוב און היט זיי אפ. אמאל פלעגט ער זיי אינגאנצן נישט באמ[illegible]קן, צי גאר זיי שלעכטס געטון, אז זיי זענען אים געש[illegible]ן אין וועג. [illegible]ון איצט באגיסט ער זיי מי[illegible] וואסער און שיט זאלץ און קאלך אויף

זייער ערד. (זיין לערערין האט אמאל געזאגט אין קלאס, אז פלאנצונגען האבן עס ליב).

באדויערט ער איצט זייערע בלייכע, געלע בלעטלעך און דארינקע צווייגלעך, ווי זיי רייסן זיך צום טונקעלן פענסטער, פונוואנען עס קוקט אריין אביסל טאג-ליכט. אלע-בלעטלעך און צווייגלעך קוקן דארט אהין... ווי שטארק זיי מוזן בענקען ארויסצוגיין, זיך אנצוזעטיקן מיט לופט און זון!

האט זיך אים איצט אויסגעוויזן אז זיי, די פלאנצונגען זענען זיינע גוטע און נאענטע חברים, חברימלעך יונגערע און שוואכערע פון אים. ער קען נישט ארויסגיין, און זיי — אויך נישט...

צו וואס דען האט מען זיי אויסגעריסן פון ברייטן און פרייען פעלד און אויפסניי זיי פארפלאנצט, פארשפארט אין ענגע, פארזשאווערטע בלעכן, פארבונדן, פארבאנדאזשירט פון אלע זייטן מיט בענדלעך אזוי ווי זיין קראנקע פוס?.. צו וואס?

ער איז פארשלאפן געווארן, יאנקעלע, פון גרויס מידקיים.

דערהערט ער א געוויין פלוצים.

— ווער וויינט דאס אזוי שרעקלעך?

ער האט אויפגעציטערט אינגאנצן. אלע בלומען און פלאנצונגען שרייען, בעטן זיך און וויינען:

— מיר ווילן צוריק אין פעלד! אין וואלד אריין לאזט אונז! וואס ווילט איר פון אונז?! דא ביי אייך וועלקן מיר, דא שטארבן מיר פאוואלינקע. מיר ווילן צוריק אין וואלד צו אונזערע חברים און ברידערלעך! מיר בענקען נאכן ווינט, נאך רעגן, נאך דער זון! לאזט אונז, מיר ווערן דערשטיקט פון ענגשאפט! לאזט אונז! —

אין שטוב איז געווארן וואס אמאל טונקעלער און צוזאמען מיט דער טונקלקייט איז געוואקסן אזא בענקעניש א שווערע ביי יאנקעלען, א בענקעניש צו דער גאס, צו די חברים זיינע...

האט ער זיך אראפגעשלעפט פון די טרעפ מיט דער קראנקער פוס, און מיט אן אפענעם מויל, גענומען קוקן פון סאגואן אויף דער גאס.

דא איז געווען א סך ליכטיקער ווי אין שטוב, אבער אויך טונקל. עס איז געווען פאר א רעגן. די הימלען באלאדענע מיט וואסער-וואלקנס האבן שווער געהאנגען איבער די דעכער ווי וועש צום טריקענען זיך... אלץ איז געווען פארשטארצט, נישט געווען מיט וואס צו אטעמען און פון אלע זייטן האבן פארשמאכטע קינדער און דערוואקסענע ארויסגעשטעקט די קעפ צו כאפן א קאפיטשקע לופט.

יאנקעלע האט זיך נישט געקענט דערמאנען, וואו ער האט שוין אמאל געזען אזא גאס. אפשר אמאל אין חלום? עס איז גארנישט די זעלבע גאס פון אמאל, איידער ער איז קראנק געווארן.

האט זיך אים אלץ וואס ער האט געזען צוזאמענגעגאסן אינאיינעם, ער

זעט שוין מער גאָרנישט. נאָר אַ נאַפּט־בלעך אַ גרויסע, וואו אַלע מענטשן מיט די הייזער זענען איינגעפלאַנצט. פאַרשפּאַרט אַזוי ווי די געוויקסן אין זייער טונקעלער שטוב: פאַרשפּאַרטע אויסגעריסענע געוויקסן פון ערגיצוואו, פון אַ ווייט־ווייטער מדינה — — —

אַז די עלטערן זענען צוריקגעקומען איז יאַנקעלע געזעסן אויף די פּינס־טערע טרעפּ פון קאָרידאָר און געוויינט, געבליבעט אין דער שטיל. זיי האָבן אים געלייגט אויפן בעט, געגעבן אים גוטע זאַכן, אָבער ער האָט גאָר־נישט גענומען, גאָרנישט.

דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געפילט איז, אַז ס'איז אים ענג, שטאַרק ענג און ס'איז אים אַ רחמנות געווען אויף זיך, אויף דער מאַמען, אויף די פלאַנצונגען, אויפן זיידן, אויפן הויקערל, וואָס ברענגט צו זיי מילך יעדן טאָג, אויף די חברים זיינע, אויפן וויזשילאַנט מיטן ווייסן פאַרטוכל אויפן האַלדז איבער דער זון, און אַפילו אויך אויף דער שכנטע, כאָטש זי איז ברוגז מיט זיין מאַמען.

אויף אַלץ און אַלעמען איז אים געווען אַ רחמנות, אויף אַלעמען...

א קינד פון הינטער דער שטאט

ציט זיך א גאס, א לאנגע, און א ווייטע, א טרויעריקע און א שווייגנדיקע. דא איז שא, שטיל און רואיק. די ווענט פון די פאבריקן שטייען ערנסטע, פארטראכט אין עפעס און רויכערן לאנגע, צונויפגעדרייטע ציגארן פון נאך לענגערע ציגארן־שפיצלעך — קוימענס פאררויכערטע...

ציען זיך ברייטע, אומעטיקע פלעצער, פארצוימטע מיט פארזשאווערטע דראטן און בלעכן.

שניידט זיך דארט א בריק פון אייזערנע בעלקעס איבער דער ברייט פון דער גאס און אויף איר לויפן שווערע באנען מיט א געפייפעריי און די אייזערנע בעלקעס צעברומען זיך מיט אזעלכע שטומע, פארטעמפטע און שרעקעוודיקע קולות, גלייך ווי זיי וואלטן זיך באקלאגט:

— „ס'טוט וויי! ס'טוט וויי!"...

זענען דא די הייזער צעוואָרפענע און זעלטענע. וואוינט אין איינער פון זיי א מיידעלע, הייסט זי מלכהלע!

האט מלכהלע גארנישט וואס צו טון, ציילט זי איבער די טראמוואיען וואס קומען צו פארן פון שטאט. ציילט זי און ציילט, אבער וואס קומט ארויס פון ציילן, אז קיינער פארט נישט אין זיי. ביז די טראמוואיען קומען אהער, זענען זיי שוין פוסטע, אויסער דעם מאטארמאן און דעם בילעטן־פארקויפער פארט קיינער נישט אין זיי...

— פארוואס קומען דען די מענטשן פון דער שטאט קיינמאל נישט אהער צופארן?

נאך קיינמאל נישט איז מלכהלע געוועזן אין דער שטאט, אבער דערציילן פון דער שטאט, האט זי שוין א חד מאל געהערט. ווען דער טאטע אירער קומט פון דער ארבעט דערציילט ער איר, אז אין דער שטאט זענען פאראַ[illegible]ן רייכע גאסן מיט שיינע געשעפטן, מיט ביאגראפן, און שיינע, הויכע [illegible]ער אזעלכע, און אזוי פיל מענטשן אומעטום, אז איינער שטויסט זיך אן אן צווייטן.

ציגדן זיך אן די אייגעלעך ביי מלכהלען, זי גלעט דעם טאטנס פנים און בעט זיך ביי אים:

— קום, טאטע, פאר מיט מיר דארט אהין אין שטאט!

— מיר וועלן פארן, אבער נישט איצט.

— ווען? ווען? כ'וויל וויסן.

— אז דו וועסט זיין א גוטע מיידעלע.

— נו, כ׳בין דאך שוין א גוטע מיידעלע און א שיינע אויך. פרעג דער מאמען וועסטו הערן.

— ווען דו וועסט זיין נאך א בעסערע.

ווערט מלכהלע שיעור נישט ברוגז אויף איר טאטן: זי מיינט, אז ער רייצט זיך און לאכט פון איר — צעוויינט זי זיך...

גייט אוועק א וואך, א חודש, א יאר, צוויי, און דער טאטע נעמט איר נישט אין שטאט אריין. בענקט אלין מלכהלע, און בענקט, און עס ווילט זיך איר אזוי שטארק זען מיט אירע אויגן, ווי די שטאט זעט אויס, וואו מען באקומט אזעלכע שיינע זאכן צו קויפן...

קומט פארנאכט, ווען עס ווערט טונקל, גייט מלכהלע ארויף אויפן דאך פון זייער שטוב, קריכט נאך ארויף אויף א בענקל און קוקט אהין דארט, פון וואנען עס קומען שטענדיק די טראמוואיען.

זעט זיך אזוי פיל, אזוי פיל ליכטיקייט, און דער הימל איז אויך א ליכטיקער, און עס זעען זיך אויף אים אזעלכע לאנגע ביטשן פייערדיקע, קאלירטע שטראלן אזעלכע, וואס טאנצן און דרייען זיך אין אלע זייטן. ווי פריילעך און לוסטיק דארט איז! א גרויסע חתונה אזא מיט אזוי פיל ליכט און מוזיק...

פרעגט מלכהלע:

— פארוואס, מאמע, וואוינען מיר נישט דארט, וואו ס׳איז פריילעך?

— ווייל פאר ארימע, מיין קינד, איז דארט שלעכט, ס׳איז ענג, נישטא צומאל קיין לופט צו אטעמען.

פארשטייט נישט מלכהלע:

— צו וואס טויג דען [illegible], מאמע, אז ס׳איז פריילעך דארט! אט [illegible] אהין, מאמע, זע ווי ליכטיק, [illegible] ליכטיק! זיי שטיל וועסטו הערן שפילן אויך...

חלומט זיך יעדער נאכט מלכהלען פון דער גרויסער און ליכטיקער שטאט. דארף זי גארנישט, אז דער טאטע זאל איר מיטנעמען. יעדע נאכט אין שלאף, קומט זי און באטראכט און באקוקט אלין, אלע, אלע שיינע זאכן און טאנצט און פרייט זיך צוזאמען מיט אלעמען אויף דער רוישיקער, ליכטיקער חתונה — — —

אמאל האט זיך געטראפן איז א טראמוואי געבליבן שטיין פאר זייער שטוב, ווייל אן עלעקטרישער דראט האט זיך איבערגעריסן. שטענדיק פארן זיי דורך אזוי געשווינט, אזוי ווי ס׳וואלט דא נישט געוואוינט מלכהלע, וואס בענקט אזוי צו זען די שטאט...

דרייט זיך מלכהלע ארום טראמוואי, באטראכט אים פון אלע זייטן און שטעלט שוין א פיסל אויף דעם טרעפל. פרעגט איר דער בילעטן־פארקויפער:

— וואס ווילסטו, מיידעלע?

— כ׳וויל פארן אין שטאט, נאך קיינמאל נישט בין איך דארט געווען.

— האסט געלט אויף א בילעט?

— ניין.
— וואו איז דיין טאַטע?
— ביי דער אַרבעט.
— און דיין מאַמע?
— קאָכט עסן.
— טאַ גיי צו דער מאַמען דיינער.
האָט זי זיך געבעטן ביי אים מיט טרערן אין די אויגן, אַז ער זאָל זי מיטנעמען אין שטאָט אַריין. נאָר איין קוק וועט זי געבן אויף דער שטאָט און באַלד צוריקפאָרן...

איז דעם בילעטן־פאַרקויפער עפעס אַ רחמנות געוואָרן אויף דעם מיידעלע, וואָס בענקט אַזוי צו זען די שטאָט. האָט ער זיך אויסגעדרייט און געמאַכט זיך נישט קוקן...

איז דערווייל מלכהלע אַרויף אויפן טראַמוואַי און זיך געזעצט ביי אַ פענסטער.

אַט פאָרט שוין דער טראַמוואַי און מלכהלע ווייסט נישט, צי זי זאָל קוקן אויף רעכטס, אָדער אויף לינקס... אַ סך מאָל האָט זיך דער טראַמוואַי פאַרקירעוועט און פאַרדרייט ביז ער איז אָנגעקומען אין שטאָט.
אַט איז שוין מלכהלע אין שטאָט. נישט אַזוי שיין ווי אין חלום איז זי. די שטאָט, נאָר נאָך טויזנט מאָל שענער און פריילעכער. צייט מלכהלע לעבט האָט זי נאָך אַזוי פיל מענטשן נישט געזען. און עס שפילט פון אַלע זייטן, פון אַלע געשעפטן און ווי עס גלאַנצט דאָ אַלץ אַרום!

לאַנג, לאַנג איז זי געשטאַנען און באַטראַכט דורך די גלאַנציקע שויבן פון די פענסטער אַלע שיינע זאַכן, וואָס דאָרט איז פאַראַן אויסגעשטעלט. ווי לאַנג עס דאַרף נעמען דאָס אַלץ צו באַקוקן און באַטראַכטן, ווי לאַנג!..

אָבער צום מערסטן פון אַלעם האָבן איר געוואונדערט די גאַסן. אַזוי פיל זענען זיי פאַראַנען, אַזוי פיל גאַסן און וועגן און אַלע, אַלע האָבן און ווייסן וואוהין צו גיין און קיינער פאַרבלאָנדזשעט נישט, קיינער נישט...

האָט זיך טאַקע מלכהלע דערמאָנט, אַז זי ווייסט נישט וואוהין זי גייט. האָבן איר געשראָקן מיטאַמאָל די פרעמדע, גלאַנציקע, ליכטיקע גאַסן מיט די וואונדערלעכע, קאָלירטע לעמפּעלעך, וואָס צינדן און לעשן זיך אָן אויפהער, צעשראָקן און צעטומלט איר — האָט זי זיך צעוויינט הויך אויפן קול...
ערשט שפּעט אין אָוונט האָט אַן אומבאַקאַנטער מענטש איר אַהיים־געבראַכט צופירן.

איצט איז שוין מלכהלע אַ גרויסע, אַ שניידערקע איז זי. פאָרט זי יעדן טאָג גאַנץ פרי אין שטאָט אַריין מיט אַ טראַמוואַי צו דער אַרבעט און

קומט אהיים, ווען ס׳איז שוין פינסטער — אן אויסגעמאטערטע. טאג אויף טאג נייט זי דארטן אין א טאזשער.

טרעפט אמאל אז, פארנדיק פון דער ארבעט איבער די רייכע פרייליכע גאסן, דערקענט מלכהלע דורכן פענסטער פון טראמוואי א קליידל, וואס איז געמאכט געווארן ביי זיי אין טאזשער, דורך איר טאקע, דורך מלכהלעס הענט, ווערט זי דערפון אומעטיק און קומט אהיים א נאך מער אויסגעמאטערטע און מידע...

גוט קען שוין מלכהלע איצט די שטאט און ווייסט, אז ס׳איז פריילעך דארט, פריילעך און לוסטיק, אבער זי ווייסט אויך, אז נישט פאר אלעמען איז דארט פריילעך, נישט פאר אלעמען...



וועלט

די זון איז פארלאשן געווארן...

געווען איז עס אמאל אינדערפרי. ליגט ער אזוי אין בעט, יודל, אוןווארט, ווארט אז ס'זאל טאג ווערן. עפעס פילט ער, אז ס'מוז שוין זיין שפעט, א שטיק צייט, אז ר'איז שוין אויסגעשלאפן, און ס'איז נאך אלץ פינסטער, גלייך עמיצער וואלט די פענסטער פארקלעפט. וואס זאל עס ב[illegible]ייטן?

ווערט ער אומרואיקער פון מינוט צו מינוט, גייט ער אראפ פון בעטל, גיט א קוק אריין אין צווייטן צימער, איז דארט קיינער נישטא. אט שלאגט דער זייגער: צען. פון גאס הערט זיך אזא מאדנער אויסערגעוויינלעכער טומל און דא איז נאך אלץ פינסטער. וואס זאל עס באדייטן? צי איז טאג איצט, צי נאך נאכט?..

אין א ווילע ארום איז שוין יודל געווען אין גאס. די געשעפטן זענען געווען מערסטנס געשלאסן, ס'האבן געברענט די עלעקטרישע נאכט-לאמפן און מענטשן, גאנצע קופעס, זענען געשטאנען פאר יעדן הויז, געקוקט אויפן הימל מיט פארגרעסער - גלעזער, געזוכט, געפארשט און געפלוידערט צווישן זיך:

— טא וואס וועט זיין אן דער זון?

— וואס זאל דען זיין? וועסט שוין זען...

— זי וועט דען שוין טאקע קיינמאל נישט אויפשיינען?

— ווער ווייסט דען צו זאגן?

— און די געלערנטע וואס זאגן?

— זיי ווייסן פונקט אזוי פיל וויפיל מיר...

— מיר זענען אומגליקלעך, מענטשן, זענען מיר...

— טאקע אומגליקלעך...

— און אויף עסן זאגט מען וועט ווערן א יקרות.

— ס'וועט ווערן? ס'איז שוין נים צו באקומען פאר געלט.

— זענען מיר דאך פארלוירן, טא וואס שטייט מען?..

— טא זעצט זיך אנידער; ווער הייסט אייך דען שטייען?..

יודלען האבן די אלע גערעדערייען גארנישט אפגעשראקן, פארקערט עפעס איז אים פון דעם אלעם גאר פריילעכער געווארן; זאל זיין אן דער זון, מ'דארף איר נויטיק האבן... עפעס האט ער געפילט אז גראד איצט, ווען

אַלע גייען אַרום אָן קעפּ, וועט זיך פאַר אים און פאַר זיינע הבֿרימלעך אָנהויבן אמת פרייליכע טעג...

אַט לויפן זיי טאַקע די קליינע חבֿרה אומעטום, וואו ס'לאָזט זיך נאָר, שטופּן, שטויסן זיך צווישן די גרויסע, און קיינער שרייט נישט אויף זיי, און קיינער דערמאָנט גאַרנישט, אַז זיי זאָלן גיין אין שול אַריין...

באַלד האָט יודל דערוווּסט עטלעכע חבֿרים זיינע און זיי געזאָגט:

— איצט חבֿרה, וועט איר זען, וועלן מיר שוין איינמאָל האָבן וואַקאַציעס!

— הלוואַי זי זאָל שוין קיינמאָל נישט אויפשיינען, וואָלטן מיר פּטור געוואָרן פון לעקציעס, פון לערערס און פון אַנדערע צרות.

— מיינסט, אַז ביי עלעקטרע קען מען נישט לערנען?.. זיי וועלן שוין, נישקשה, עפּעס צוטראַכטן פאַר אונז...

— נישט אַזוי געשווינד טראַכט זיך צו ווי דו מיינסט.

די גאַנצע מעשה מיט דער זון, וואָס האָט היינט נישט אויפגעשיינט, איז זיי אויסגעקומען שטאַרק קאָמיש. גלייך זיי וואָלטן ערשט היינט זיך דערוווּסט, אַז ס'איז דאָ אַ זון אויף דער וועלט... וויפיל זיי האָבן זיך שוין היינט אָנגעהערט רעדן און דערציילן זאַכן וועגן דער זון! געשראָקן האָט זיי נישט דאָס אַלין, וואָס זיי האָבן געהערט, אָבער דערפאַר איז געוואַקסן שטאַרק זייער נייגיריקייט מיט יעדער מינוט.

— ס'איז טאַקע אמת, אַז אַלע באַשעפענישן וועלן איצט אויסשטאַרבן פון קעלט און פון הונגער?

— אַזוי זאָגן זיי די גרויסע...

— וואַקסן וועט שוין־מער גאַרנישט און דאָס וואָס ס'איז דאָ, וועט מען אויפעסן...

— איז שוין בעסער צו גיין אין שול...

— האַ, האָסט שוין מורא?.. און איך וועל נאָך בעטן מיין מאַמע אַז זי זאָל מיר קויפן אַן עלעקטריש לעמפּל מיט אַ באַטעריע.

— אָבער פאַרוואָס האָט זי, טאַקע, נישט אויפגעשיינט?

— זי גייט זיך דאָך באָדן יעדן טאָג אין טייך, טאָ אפשר איז זי גאָר דערטרונקען געוואָרן...

— און אפשר דערפאַר וואָס בערל האָט אַמאָל אַרויסגעשטעקט אויף איר אַ צונג, און געזאָגט, אַז מ'דאַרף איר שוין נישט, ווייל די געלערנטע קענען שוין אַליין צוטראַכטן אַ זון...

— און אפשר גאָר דערפאַר וואָס ביי יונהס מאַמען אין שטוב איז שטענדיק פינסטער, און די זון קען דאָרט סיי ווי נישט שיינען?

אין גאַס איז דערווייל געוואָרן וואָס אַמאָל מער גערודער און מענטשן — מער אומרואיקער. אַלע שפּייז־געשעפטן אין שטאָט — קראָמען זענען געווען באַלאַגערט פון מענטשן. אַ געדרענג, אַ געשטויס. מען שלאָגט, מען צעבלוטיקט זיך און מ'צאָלט פאַר שפּייז־פּראָדוקטן וויפיל נאָר מ'בעט. גליקלעך איז דער וואָס באַקומט... פון אַלע זייטן געוואַלדן און געשרייען יאָמערלעכע.

יודל מיט זיינע חברים זענען געשטאַנען און דערשראָקן זיך אָנגעקוקט און געפילט, אַז אַ קעלט קריכט זיי איבערן לייב... דאָס וואָס ס'האָט זיך געטון אין גאַס האָט זיי אַזוי פאַרכאַפּט, אַז זיי האָבן נישט געפילט קיין הונגער.

— פאַרוואָס האָט זי דאָך נישט אויפגעשיינט, די זון?

— אפשר האָט זי פאַרגעסן דעם וועג צו אונדז און זי בלאָנדזשעט גאָר?

— אפשר האָט גאָר עמיץ אַוועקגעלייגט אַ גרויסן שטיין פאַר דער הייל, וואו זי רוט זיך אָפּ און זי קען נישט אַרויס?...

— מ'דאַרף טון אַ קוק.

— ווער, חברה, וויל מאַכן אַ שפּאַציר צו דער זון?

אַלע זענען באַשטאַנען.

— טאָ קומט, חברה, קומט.

דער וועג איז געווען אַ ווייטער און אַ שווערער. צו וויסן דעם וועג האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך ביבער, אָבער זיי האָבן זיך נישט געקענט באַהעלפן מיט זיי. ס'איז געווען פונקט קאַפּויר, ווי ס'האָט זיך געשריבן אין די ביבער... לאַנג, לאַנג האָבן זיי געטאָפּטשעט איבער זומפּן און בלאָטעס, געקלעטערט אויף פעלזן און אַראָפּגעלאָזט זיך אין טאָלן, גריבער טיפע, ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו דער זון, דער יחסנטע...

אונטער אַ גרויסן באַרג איז זי געלעגן די זון, איינגעגנורעט אין וואָלקנס און אין שאָטנס. די קינדער זענען געבליבן שטיין אויף יענער זייט טייך.

די זון האָט אַרויסגעקוקט מיט רויטע, ברוגזע, פאַרשלאָפענע בליקן פון איר באַהעלטעניש.

— ווער איז געקומען, וואָס ווילט איר שטיפערס?

— יודל מיט זיינע חברים זענען געקומען דיך פרעגן פאַרוואָס דו ביזט ברוגז געוואָרן מיט אונדזער ערד.

— כ'האָב אייך ליב, לוסטיקע שטיפערס, גוט וואָס איר זענט געקומען, אָבער צוריק צו אייער ערד וועל איך מער נישט גיין.

— פאַרוואָס ביזטו ברוגז געוואָרן מיט אונדז? מענטשן און באַשעפענישן שטאַרבן דאָך ביי אונדז פון קעלט און פון הונגער אָן דיר...

— נו, ביי אייך דאַרט זענען דאָך פאַראַנען גרויסע געלערנטע, וואָס זאָגן, אַז זיי ווייסן און קענען אַלין מאַכן — גרויסהאַלטערס, זאָלן זיי מאַכן אַ זון פון עלעקטרע...

— ס'איז אַ ליגן — האָט געענטפערט יודל — אונדזער לערער דערציילט אונדז שטענדיק, אַז די געלערנטע אַליין זאָגן, אַז וויפיל מער זיי לערנען, זעען זיי ערשט, אַז זיי קענען גאָרנישט... אָפּטמאָל פרעגן מיר דעם לערער אַזעלכע זאַכן אויף וועלכע ער ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן, זאָגט ער:

— כ'ווייס נישט, קינדער. אַ לערער ווייסט נישט אַלץ... אַז איר וועט גרויס ווערן וועט איר אַליין לערנען...

'אַ האָט די זון אַ שיין געטון אויפן וואַסער, האָט זיך אויסגעטריקנט אַן

אָרט און די קינדער זענען אַריבערגעגאַנגען דעם טייך. די זון האָט ווייטער זיך באַקלאָגט אויף דער ערד:

— און אַז שיינען, וויל איך פאַר אַלעמען גלייך שיינען, און ביי אייך אויף דער ערד קען מען נישט. אַט אייערע אייגענע חברים: יונה, בערל, שמערל און נאָך אַנדערע וואוינען נאָר אין פינצטערע שטיבער צווישן הויכע ווענט, אָדער אין פינצטערע נאַסע קעלערס גאָר. זוכן מיינע שטראַלן אַ פענצטערל, אַ שפּעל־שעלע אַריינצודרינגען זיי אַביסעלע ליכט, פרייד, וואַרימקייט — איז נישטאָ; פאַרשטעלט, פאַרמויערט אומעטום... וויל איך פאַר קיינעם מער נישט שיינען, פאַר קיינעם נישט... זאָלן אַלע איצט פּרואוון לעבן אין דער פינסטער און אין קעלט, אַלע, אַלע! — — —

יודל האָט זיך איבערגעקוקט מיט זיינע חברים, געפילט זיך שולדיק און געענטפערט:

— מיר ווייסן טאַקע דערפון, מיר טראַכטן דערוועגן, און אַז מיר וועלן גרויס ווערן, וועלן מיר איסבעסערן, און מאַכן, אַז דיינע שטראַלן זאָלן שיינען פאַר אַלעמען, פאַר אַלעמען...

— נו אויב אַזוי — האָט די זון גלייך אָנגעהויבן אַרויסשיקן פריילעכע שטראַלן — וועל איך צוריק אָנהויבן שיינען, נאָר געדענקט גוט וואָס איר האָט מיר צוגעזאָגט, אַז נישט וועל איך אויף אייביק מיט אייך ברוגז ווערן...

אין גרויס איילעניש האָט זיך יודל מיט זיינע חברים געלאָזט צוריק צו דער ערד אָנזאָגן די בשורה, אַז די זון וועט צוריק אָנהויבן שיינען.

אין אַ מינוט אַרום האָבן זיי שוין דערפילט ווי די זון וואַרימט זיי די פּלייצעס אַזוי ליבלעך, אַז אַ געזונט צעגיסט זיך זיי אין אַלע אבֿרים...

אַ בוים — אַ מאַמע

וואַקסט אין וואַלד אַ בוים. אַ בוים אַ שלאַנקער און אַ שטאַרקער, אַ הויכער און אַ צעצווייגטער.

אַלע בוימער פון וואַלד איז ער שוין אַריבערגעוואַקסן. דער צעצווייגטער קאָפּ זיינער האָט זיך שוין אַרויסגעהויבן איבער אַלע בוימער־קעפּ. אָבער צו ווייניק איז עס פאַר אים: נאָך העכער און העכער וויל ער וואַקסן און שטייגן.

אין אַ שיכורער פון שטאַלץ בויגט ער זיך און וויגט זיך שטיפעריש, נאָענטער צום הימל, צו דער זון.

פאַרדריסט עם די איבו[illegible]קע בוימער [illegible]אַלד און עס סודעט זיך, שושקעט און פּרעפּלט צווייג [illegible] צווייג און בלאַט צו בלאַט:

— צוזאַמען מיט אונדז איז איין באָדן אויסגעוואַקסן, פון די זעלבע פלאַנצונגען. און איצט רייסט ער זיך, די גאַנצע [illegible]זון וואָלט ער געוואָלט איינשלינגען...

— רייס זיך נישט צו הויך, געדענק! — פּלעגן זיי מיט אים איינטענהנען — וואָס העכער מען וואַקסט, אַלץ געפערלעך עס איז... רייס זיך נישט ברודערקע, רייס זיך נישט!

הערט נישט דער בוים זייערע דראָהונגען. גאַנצע קוואַלן פון זאַפט און שטאַרקייט לויפן אין זיינע אָדערן — ביז צו די וואָלקנס, ביז צום הימל מוז ער דערגרייכן.

וואַקסט דער בוים העכער און העכער, און חלומט זיך זיין חלום פון גרויס ווערן און שטייגן...

און דאָרטן אויף דעם ווייסינקן שטעגל, וואָס שלענגלט זיך צווישן גרינע זאַפטיקע פעלדער, גייט אַ מענטשעלע, טריט ביי טריט גייט ער, און טראָגט עפּעס אויפן אַקסל.

אין וואַלד גייט ער און אַ האַק טראָגט ער מיט זיך.

איז די האַק אַ שטאָלענע, אַ פינקלדיקע און אַ שאַרפע. דריי טעג מיט דריי נעכט האָט דאָס מענטשעלע געשאַרפט זיין האַק, אַז זי זאָל טויגן...

טאַנצן די זונען־שטראַלן אויף דער שאַרף פון דער האַק און שפּיגלען און ווינקען זיך איבער. אַהאַ, מער ווי איינמאָל האָבן זיי שוין דאָס מענטשעלע געזען גיין אין וואַלד מיט זיין האַק — ווייסן זיי שוין גוט וואָס ער טוט דאָרט...

האָט דאָס מענטשעלע צוויי קליינינקע, שאַרפינקע און שפּיזיקע אויגעלעך. פילן די בוימער, אַז די שפּיזיקע אויגעלעך זוכן, נישטערן, מעסטן מיטן

בליק און רעכענען יִפִּיִם אין דער שטיל, פֿאַלט אַ פּחד אויף זיי, האַלטן זיי איין דעם אָטעם און [illegible]טערן פֿון שרעק און קאַרטשען זיך:

— ווער ווייס וועמען דאָס מענטשעלע וועט אויסקלויבן?

איז אַ קלוגער און אַ כיטרער דאָס מענטשעלע. נישט בײַ יעדן בוים וועט ער זיך אָוועקשטעלן אָוועקלייגן כּוחות, און טעמפּ מאַכן די שאַרפֿע האַק זיינע... קלויבט ער אַזוי לאַנג, ביז ער דערקלויבט זיך...

געפֿעלט אים מסתמא דער שלאַנקער און הויכער בוים, וואָס גרייכט מיט זיין שפּיץ העט־העט אי־בער אַלע ביימער — דער העכסטער און שענסטער בוים פֿון וואַלד.

ווערט אַזאַ מאָדנער איינגעהאַלטענער גע־טומל. שושקעט זיך בוים מיט בוים און צווייג מיט צ[illegible] מיט געציילטע, [illegible]האַקטע באַוועגונ־גען.

און דאָרט שניידט שוין די האַק און פֿינקלט אַ משוגענע, אָן אומ־רחמנותדיקע אין מענ־טשנס הענט און פֿון עק ביז עק וואַלד צעטראָגט זיך שנעל אַ מוראדיקער קרעכץ:

ה־עעע! ה־עעע! ה־עעעע!

ער האָט נישט געוואוסט דער בוים, וואָס עס געשעט מיט אים. עפּעס האָט ער געפֿילט ווי מוראשקעס וואָלטן אים דורכגעלעכערט פֿון קאָפּ ביז צו די פֿיס...

און די האַק אין מענטשנס הענט שניידט זיך, עקשנותדיק, מיט איר שאַרף טיפֿער און טיפֿער. פֿון אַלע זייטן שפּריצט מיט קלעפּיקן זאַפֿט און מיט לעבעדיקע שטיקער פֿון בוים.

האָט ער שוין איצט פֿאַרשטאַנען, אַז עפּעס שרעקלעכעס וועט געשען מיט אים. דער הויכער, שטאָלצער קאָפּ האָט זיך גענומען וואַקלען פֿון שרעק און צעמישונג. די הויכקייט האָט זיך אים איצט אויסגעוויזן אַזוי שרעקלעך! גאָרנישט האָט ער געזען פֿאַר זיך. גאָרנישט, נאָר געפֿילט דעם ווייטיק פֿון אַ פֿרעמדער זאַך, וואָס רייסט זיך אַריין אין זיין קערפּער. דער רייכער קוואַל פֿון זאַפֿט אַנטלויפֿט ערגעצוואו און אים ווערט עפּעס פּוסט.

אַט וויל ער נאָר זיך אַ בויג טון, אָבער עס איז שוין צו שפּעט. מיט־אַמאָל האָט ער דערפילט, אַז ער איז איבערגעשניטן ערגעצוואו און ער הענגט, שוועבט נאָר אין דער לופטן — — ער פאַלט, פאַלט און מיטאַמאָל — — קראַך!!! קראַך!!!

דאָ איז דער גאַנצער וואַלד אויפגעציטערט געוואָרן פון שרעק. אַזוי מוראדיק איז געווען דער קרעכץ, דער געשריי פון פאַלנדיקן בוים.

ליגט דער שטאָלצער בוים, דער העכסטער פון וואַלד אַן אויסגעצויגענער אויף דער ערד און דאָס מענטשעלע ווישט זיך דעם שוויס פון פּנים און שמייכלט פון צופרידנהייט...

נעמט ווידער דאָס מענטשעלע די פינקלדיקע האַק אין זיינע הענט, און האַקט אָרום די צווייגן און סענקעס פון בוים. בלייבט דער בוים שוין גאָר ליגן אַ נאַקעטער און אַן אומבאַהאָלפענער.

שטייען די ביימער אַזעלכע פאַרטרויערטע, שווייגנדיקע און ציטערנדיקע, און קוקן זיך איין צו דעם, וואָס עס איז געשען מיט זייערס אַן אייגענעם, אַ ברודער.

קומט דאָס מענטשעלע מיט ווענגער גרויסע און לאָדט אויף די צווייגן אַלע, און דער שטאָלצער, שלאַנקער בוים, דער העכסטער פון וואַלד, שלעפּט זיך נאָכן וואָגן אַ העלפּט אויף דער ערד אין שטויב און אין שמוץ.

איז פאַרבליבן דאָרט אין וואַלד אַ צווייגעלע אַ קליינס, וועלכעס דאָס מענטשעלע האָט נישט פאַרנומען מיט זיך. טוליעט זיך דאָס צווייגעלע צו דעם גרויסן פּיען, וואָס איז פאַרבליבן פון זיין מוטער און נעמט זויגן די פאַרבליבענע מאַמע־זאַפטן...

דערקענען די איבעריקע וואַלד־ביימער אַז דאָס צווייגעלע איז אַן איבער־בלייבעניש פון דעם גרויסן און שטאָלצן ברודער זייערן. האָבן זיי רחמנות דערמיט, און יעדער בוים שיקט אַ וואָרצל מיט שפּייז דעם יונגן ברודערל זייערן, ביז דאָס צווייגעלע האָט אָנגעהויבן וואַקסן און אַנטוויקלען זיך...

זענען אַדורכגעגאַנגען טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן, איז דאָס קליינינקע צווייגעלע אויסגעוואַקסן אַ הויכער און שלאַנקער בוים, ווי זיין מוטער איז עס געווען.

ווידער האָט זיך געקליבן אין וואַלד אַריין דאָס מענטשעלע. פון יענעם גרויסן און מעכטיקן בוים איז אים שוין באַלד גאָרנישט פאַרבליבן. פון זיין האָלץ האָט ער אויסגעאַרבעט טרומנעס און בעטן, טישן און טירן, בענק און פענסטער, און פון לעצטן שטיקל האָלץ האָט ער אַ הענטל צו זיין האַק געמאַכט.

צומאָרגנס איז דאָס מענטשעלע געקומען אין וואַלד אַריין. האָט אינם הענטל פון דער האַק זיך דערוועקט דאָס געפיל פון בענקעניש און פיין נאָך אַזוי פיל יאָרן פעלן פון דאַנען. מיט אַלע כּוחות האָט עס געפּרואווט אַרויסרייסן זיך פון שלאָף און אַריינאָטעמען אין זיך די לופט פון אַמאָל, די לופט וואָס האָט עס געמאַכט וואַקסן און גרויס ווערן...

זוכט דאָס מענטשעלע און נישטערט מיט זיינע שאַרפינקע, שפּיזיקע אויגעלעך, און אַט שטייט ער שוין פאַר אַ שלאַנקן און אַ הויכן בוים — דער העכסטער פון וואלד...

ציטערט דאָס הענטל און קאַרטשעט זיך פון פאַרגעניגן און צער:

— וואָס וועט דען געשען?

און אַט פליט שוין די האַק אַרויף און אַראָפּ אין די הענט פון מענטשעלע, און אויף אַלע זייטן שפּריצט מיט פרישן בלוט־סאָק און לעבעדיקע שטיקער בוים־פלייש...

און עס איז געשען עפּעס וואונדערלעכעס:

...אין דעם געשמאַק פון פרישן זאַפט האָט דאָס הענטל דערשמעקט זיין אייגענעם זאַפט פון אַמאָל — זיין אייגן פלייש און בלוט — זיינער אַ צווייג — זיינס אַ קינד...

האָט נישט געקענט דערטראָגן מער דעם ווייטיק דאָס פאַרטריקנטע הענטל, וועלכעס האָט געהאַלטן איצט אויף זיך די שטאָלענע, שאַרפע האַק, האָט עס אַ ציטער געגעבן אינגאַנצן, געפּלאַצט, צעבראָכן זיך אין צווייען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איז געבליבן דאָס מענטשעלע שטיין אַ פאַרוואונדערטער מיט אַ צעבלו־טיקטער האַנט, און מיט אַ קללה אויף די ליפּן...



אַ מעשה מיט אַ בלאָנדזשענדיקער שיף

האָט זיך די שיף דערווייטערט אַלץ מער און מער, און אַלע פּאַסאַזשירן זענען געשטאַנען מיט טרערן אין די אויגן און אַהין געקוקט צום ברעג מיט אַ בענקעניש און ווייטיק אין האַרצן.

דאָרט ביים ברעג זענען געבליבן איינזאַמע, פאַרלאָזענע טאַטע־מאַמעס, באָבעס, ברידער, שוועסטער, כּלות, פריינט, וואָס האָבן געפאָכעט מיט ווייסע טיכעלעך:

— פאָרט און קומט אָן געזונטערהייט!

וואָס ווייטער, אַלץ שנעלער עס פאָרט די שיף. פון יענעם ליבן ברעג זעט זיך שוין גאָרנישט.

— מיר פאָרן צו אַ נייעם ברעג, צו אַ נייעם לאַנד מיט נייע מענטשן — האָט זיך יעדער געטראַכט און געטרייסט.

נעמט יעדער זיין פּעקל, וואָס ער פירט מיט פון דער היים, און מען לייגט זיך אויף די געלעגערס. ליגן זיי אַזוי און שווייגן, און די שיף דערווייטערט זיך, דערווייטערט, און אין האַרצן ביי יעדן דריקט און פרעסט עפּעס אַזאַ מאָדנע שווערקייט:

— „זעקס וואָכן וועלן מיר זיך אַזוי דערווייטערן פון אונדזערע היימען, ביז מיר וועלן אָנקומען אַהין”...

ווערט יעדער אומעטיק, טרויעריק און אַלע ווערן אַזוי גוט, אַזוי היימיש צווישן זיך, פּונקט, ווי אמתע ברידער...

בינט איינער אויף דאָס פּעקל, וואָס ער האָט מיטבאַקומען פון דער היים, געפינט ער דאָרט גוטע זאַכן; גאָרנישט האָט די מאַמע פאַרגעסן אַריינצולייגן, און אַלעס, יעדעס פּאַפּירל איז דורכגעזאַנגען דורך דער מאַמעס איידעלע, גוטע הענט און אַלעס האָט זי באַנעצט מיט אירע טרערן... עסט מען און מען טרינקט פון דעם, וואָס די מאַמע האָט מיטגעגעבן און מ'איז מכבּד אַנדערע אויך.

פאַרקוקט זיך איינער אויפן צווייטן, צעבינדן אַלע זייערע קלימעקלעך, קוישלעך, און יעדער גרויסט זיך, ס'אַראַ גוטע זיין מאַמע איז, און ס'אַראַ גוטע שפּייזן און געטראַנקען זי קען מאַכן. פאַרזוכט איינער פונעם אַנדערנס מאכלים — ביז אַלע עסן, טרינקען און לאָזן זיך וואוילגיין צוזאַמען.

זעצן זיך צו צום טיש אויך די באַדינער פון דער שיף, די מאַטראָסן און אויך דער שיפסקאַפּיטאַן אַליין; אויך זיי האָבן מאַמעס און יעדער פון זיי האָט מיטבאַקומען אַ פּעקעלע.

ווערט אַ גרויסע סעודה, ליידיקן זיך שוין אויס פלעשער — איינע נאָך דער צווייטער. זויל יעדער אויסשרייען דעם טרויער וואָס פּרעסט אין ברוסט. זינגען שוין אַלע צעפלאַמטע. שאַלט שוין אַ כאָר פון הונדערטער, הונדערטער קולות אין דער שווייגנדיקער נאַכט.

זינגען זיי וואָס אַמאָל העכער און שטאַרקער, העכער און שטאַרקער און פאַרגעסן, אַז דער ים ליגט אַ וואַכער און לויערט זיי צו פאַרנאַרן אין זיינע פינסטערע פּאַלאַצן.



פאַרגעסן זיי, אַז די פיש האָבן שפּיציקע און שאַרפע ציין.

פאַרגעסן זיי, אַז זייערע אַלטע מאַמעס זיצן דאָרט ערגיץ אין טונקעלע קאַלטע שטיבער מיט קלאַפּנדיקע הערצער און בעטן אין דער שטיל תפילות פאַר זיי...

שטעלט זיך אויף איינער און פאַרוואַרפט אַ האַנט אויף דעם צווייטנס אַקסל. קומט באַלד צו אַ דריטער, אַ פערטער — ביז אַלע שטייען שוין אַרומגענומען ווי איין קערפּער און טאַנצן, הוליען און יובלען מיט פרייד, וואָס צעגייט זיך מיט אַ רוישיקן אָפּקלאַנג העט, העט אין דער שטילער סודותדיקער נאַכט אַריין.

טאַנצט מען, און מען טאַנצט, און קיינער טראַכט שוין וועגן גאָרנישט.

בלויז די מייזלעך אין די נאָרעס זיצן וואַכע, איבערגעשראָקענע און ווייסן נישט וואָס עס זאָל באַדייטן, וואָס קומט דאָרט פאָר...

און נאָך איינער, איין־איינציקער, איז פאַראַן אַ וואַכער, אַ מונטערער אויף דער שיף.

דאָרט אין דער הויך, אין סאַמע שפּיץ מאַסט־בוים ברענט אַ רויט לעמפּל און אונטערן לעמפּל זיצט איינגעפּרעסט אַ קליין פיגעלע — דאָס איז אַ ערלעכער מענטש, אַ געטרייער אויסקוקער, אַ שומר, וואָס דאַרף אָנזאָגן און וואָרנען, ווען עס קומט אַ געפאַר.

איז די נאַכט אַזאַ געדיכט־שוואַרצע, אַ דראָענדיקע, און דער ים — אָן

אָפּענער תּהום. מוז מען האָבן אָפּענע אויגן און צעעפנטע אויערן אויף אַלע זייטן...

זיצט ער און קוקט און וואַרט, וואַרט... עס איז שוין לאַנג אַריבער די צייט, אַז זיי האָבן אים געדאַרפט בייטן, און מען קומט נישט.

דערגייט צו זיינע אויערן אַ געזאַנג, אַ פרייד פון אונטן — פאַרדריסט אים שוין, וואָס זיי האָבן אינגאַנצן אין אים פאַרגעסן, אָבער עס איז נישט קיין צייט איצט, אַז עס זאָל פאַרדריסן. עפּעס זענען די שטערן פון „גרויסן וואָגן" אַזוי טונקל-מאַט און דאָרט רוישט שוין דער ים. עס קומט אַ שטורעם, ער קומט!

גיט ער דריי קלאַפּ אין דער מעשענער טאַץ, וואָס מען ניצט שטענדיק ווען עס האַלט ביי אַ געפאַר:

ד-ז-ז-אַ-אַ-ם!!!

ד-ז-ז-אַ-אַ-ם!!!

ד-ז-ז-אַ-אַ-ם!!!

צעגייט זיך אַ מוראַדיקער קרעכץ, וואָס בלאָנדזשעט אַרום ווייט, ווייט, און לאַנג, איבערן פינסטערן מוראַדיקן ים, אַ קרעכץ אַזעלכער וואָס וואָרנט:

— „מיר זענען אין אַ סכּנה ברידער, אין אַ סכּנה!"

קלינגט ער נאָך אַמאָל און אַ דריטן מאָל, אָבער קיינער ענטפערט אים נישט, קיינער נישט. און דער ים רוישט, קאָכט און וואַרפט זיך שוין, ווי מיליאָנען צוזאַמענגעפלאָכטענע שלאַנגען, און איבער דעם טרייען שומר — ווייסט קיינער נישט מיט וואָס עס דראָעט.

- אָבער וואָס טוט זיך דאָרט אונטן!?

פאַרלאָזט ער זיין אָרט און קריכט אַראָפּ, אַ צעשראָקענער, מיט בעטנדיקע אָרעמס:

— קומט ברידער זיך ראַטעווען, מיר זענען אין אַ סכּנה, עס קומט אַ ווילדער שטורעם, ברידער!!

וויל אים קיינער נישט הערן. לאַכן זיי און שפּעטן פון זיינע דראָהונגען:

— וואָס מיר שטורעם, ווער מיר שטורעם! אונדזער שיף איז אַ גרויסע און אַ שטאַרקע, אויסגעקלאַפּט מיט דיקער אייזן-בלעך פון אַלע זייטן, מיט אַ שטאָלענעם „שנאָבל" און שטאַרקע מאַסט-ביימער...

לאַכן זיי פון זיין צעשראָקנקייט און שלעפּן אים אויך צים טאַנצן. לאָזט ער זיך אָבער נישט און לויפט איבער דער שיף, וואָס טאַנצט שוין אויך עפּעס אַ ווילדן סכּנותדיקן טאַנץ.

ווייסט נישט דער ערלעכער שומר וואָס פריער טון: צי פאַרפעסטיקן די מאַסט-ביימער, אויסקוקן דעם וועג פון דער הויך, צי גאָר פירן די שיף ביים רודער, אַז זי זאָל נישט אַראָפּ פון איר גלייכן וועג...

לויפט ער, דאָס איינציק ניכטערע מענטשעלע אויף דער שיף, פון איין אָרט צום צווייטן און די כוואַליעס שווענקען און רייסן אים.

וואָס קען שוין אויפטון אַ קליין, אָרים מענטשעלע אַנטקעגן אַ ווילדן שטורעם, אין אַ פינסטערער נאַכט אויף בייזע צאָרנדיקע ימען?..

פאלט ער אנידער צום־לעצט א מידער, א פארחלשטער מיט א צעבראָ־כענעם רודער אין האנט.

שלאפן שוין אלע אין א טיפן שכּרות־שלאָף, ווייסן נישט וואס עס גע־שעט. און די שיף מיטן שטאלענעם „שנאָבל” וואקלט זיך אויף א שיכּורע אויף ים׳ס גענאָד, און טויזנטער, טויזנטער שטיפערישע כוואליעס האבן איר שוין ארומגערינגלט, שטופן, פאטשן און שטויסן איר, ווי נאר זיי ווילן, און פון הינטן לויפן נאך גאנצע מחנות פיש, וואס שפרינגען, ווארפן, פליוסקען זיך און טאנצן פון פרייד, ווי חדר־אינגלעך, וואס האבן געוואונען א שפּיל...

עס איז שוין איינמאל געווען א שפּיל!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די שיף איז פארטראָגן געווארן אין א ווילד פרעמדער, אומבאקאנטער ים־געגנט...

און פון דעמאלט אן בלאָנדזשעט די שיף שוין אזוי יארן און יארן, זי גייט ים איין, ים אויס און וואס מער זי גייט — אלץ טיפער פארבלאָנדזשעט זי, פארשווימט אין ווייטע סכּנותדיקע וואסערן...

און דארט ווייט, ווייט ערגיץ אין טונקעלע, אויסגעבויגענע חורבות־שטיבער, זיצן פארלאזענע מאמעס מיט אויסגעוויינטע אויגן און איינגע־שרומפענע הערצער. אוןווארטן, האפן, האפן אז די שיף וועט נאך ווען עס איז צושווימען צו א ברעג...

יאַסעלע און די לבנה

עס איז געווען אַמאָל אין אָנהויב חודש, ווען די לבנה, אַ ערשט געבוירענע, האָט אַרויסגעקוקט מיט אַ שטי־פעריש אויג פון הינטער אַ וואָלקן און באַטראַכט אַלץ אַרום מיט פרייד און נייגיר.

אין די אומענדלעך טיפע הימלען האָבן זיך געהוידעט און געגליטשעט אַ סך טויזנטער שטערן, אָבער קיין איינער פון זיי האָט נישט געהאַט אַזאַ העל און קלאָר ליכט ווי זי, די לבנה.

איז זי גרויס און שטאָלץ געוואָרן ביי זיך, די לבנה. האָט זי גרויסהאַל־טעריש גענומען אַרומשפּאַצירן איבער דעם הימל, שפּילן זיך מיט די פאַר־גליווערטע מילך־וואָלקנדלעך, וואָס זענען געשוואומען אין דער לענג און ברייט. זיכער איז זי געווען, אַז פון אומעטום קוקט מען אויף איר. מען באַ־וואונדערט איר שענקייט, איר העלע און מילדע ליכט.

אַז זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע פון איר שפּאַציר און אַ קוק געטון אויף דער ערד אַראָפּ, איז זי פאַרציטערט געוואָרן פון כּעס.

שאַ־שטיל איז געווען אויף דער ערד, גאָרנישט האָט זיך באַוואויגן, גאָר־נישט האָט זיך גערירט, קיינער האָט איר נישט געזען און נישט באַמערקט. די מענטשן זענען געלעגן אויסגעצויגן אויף זייערע געלעגערס און געשמאַק געשנאָרכט. בלויז קליינינקע אַרבעטזאַמע מוראַשקעס האָבן געטראָגן גרעז־לעך פון אַ נאָענטן גאָרטן צו זיך אין הייל אַריין און האָבן די לבנה און איר מילדע־ליכט אינגאַנצן נישט באַמערקט...

איז זי טרויעריק געוואָרן די לבנה, עס האָט איר וויי געטון פאַרוואָס קיינער באַמערקט איר נישט. האָט זי זיך באַהאַלטן אונטער אַ וואָלקן און זיך צעוויינט, צעוויינט זיך אין דער שטיל אויף איר גורל...

האָבן די שטערן זיך אָנגעהויבן צו שושקען און צו סודען זיך:

— אָ, די לבנה וויינט, די לבנה וויינט. —

האָט זי זיך פאַרשעמט די לבנה,

האָט זי זיך אָפּגעווישט די טרערן, מ׳זאָל אויף איר גאָרנישט דערקע־נען, אַרויס פון הינטערן וואָלקן, און להכעיס אַלע שטערן און אַלע מענטשן, וואָס שנאָרכען אַזוי געשמאַק, האָט זי זיך גאָר צעלאַכט, שטאַרק צעלאַכט...

אַזוי הויך און ווייט האָט אָפּגעקלונגען איר געלעכטער אינמיטן דער נאַכט, אַז יאָסעלע האָט זיך איבערגעוועקט פון שלאָף.

— ווער לאַכט דאָס אַזוי אינמיטן דער נאַכט?

האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, ביז ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס לאַכט אַזוי די לבנה, איז ער אין כּעס געוואָרן אויף איר געלעכטער.

— פאַרוואָס לאַכט זי פון אונדז די גרויסהאַלטערן?

— אונדז איז טרויעריק און זי לאַכט און לאַכט...

האָט די לבנה אויפגעהערט לאַכן און געפרעגט יאָסעלען:

— פאַרוואָס ביזטו טרויעריק יאָסעלע, זאָג מיר.

איז אָבער יאָסעלע געווען שלעפעריק, האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז צוריק איינגעשלאָפן.

האָט די לבנה פון אירע גין־גאָלדענע שטראַלן אויסגעפלאָכטן אַ בעטעלע, אַריינגעלייגט אַהין יאָסעלען און אים אַרויפגעצויגן צו זיך. פון דער לבנהס אַ קוש אין קעפּעלע האָט זיך יאָסעלע איבערגעוועקט.

— וואו געפין איך זיך איצט?

— ביי מיר, ביי דער לבנה ביזטו.

— צו־וואָס האָסטו מיך דאַ אַהער געבראַכט?

— ס'איז מיר אומעטיק אַליין צו זיין אויפן הימל. אַלע, אַלע שלאָפן, קיינער קוקט נישט אויף מיר, קיינער ווייסט נישט פון מיר און נישט פון מיין העלער ליכט.

— ס'איז קאַלט און טרויעריק צו זיין ביי דיר. כ'וועל נישט האָבן מיט וועמען זיך צו שפּילן.

— זאָגסט דאָך, אַז ס'איז דיר טרויעריק דאָרט אונטן.

— אָבער דאָ איז נאָך טרויעריקער.

— נו, אַז דו וועסט נישט וועלן זיין ביי מיר, וועל איך זאָגן אויף דיר, אַז דו ביזט אַ שלעכטער...

האָט אָבער יאָסעלע געוואָלט, אַז מ'זאָל זאָגן אויף אים, אַז ר'איז אַ גוטער, איז ער שוין באַשטאַנען.

אַ סך נייע און שיינע זאַכן האָט דאָרט יאָסעלע געזען, און די לבנה האָט אים אַלין אויסגעטייטשט און דערציילט: אַ גוטע איז זי געווען צו אים.

יאָסעלע האָט שוין באַלד אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן זיין היים. איין מאָל אָבער, קוקנדיק אויף זייער שטוב, האָט ער דערזען אַז זיין מאַמע זעט שלעכט אוים. נישט זי עסט און נישט זי שלאָפט, נאָר זי ברעכט זיך די פינגער און וויינט, און וויינט:

— וואו איז מיין יאָסעלע? מיין יאָסעלע וואו איז?

פון דעמאָלט אָן האָט ער צוריק אָנגעהויבן בענקען יאָסעלע און איז טרויעריקער געוואָרן פון טאָג צו טאָג.

— ווילאַנג נאָך וועל איך דאָ מוזן זיין, ווילאַנג? כ'קען שוין נישט מער, כ'קען שוין נישט.

— וועסט זיין ביי מיר אַזוי לאַנג ביז דיין טאַטע און אַלע טאַטעס וועלן

נישט שלאָפן ביינאַכט. נאָר זיי וועלן קוקן אויף מיר, באַוואונדערן מיין שיינקייט און באַוואונדערן מיין ליכט.

— מיין טאַטע און אויך אַלע טאַטעס האָבן נישט קיין צייט צו קוקן אויף דיר. ביי טאָג אַרבעטן זיי — מוזן זיי ביינאַכט שלאָפן...

— וועסטו שטענדיק מוזן זיין ביי מיר, שטענדיק.

האָט זיך יאָסעלע צעוויינט, ר׳איז אין כעס געוואָרן אויף דער לבנה און געזאָגט:

— כ׳וויל נישט זיין ביי דיר, כ׳וויל נישט! כ׳וויל זיין מיט מיינע חברים, מיט מיין שוועסטערל, מיט מיין טאַטע און מיין מאַמע. אַ שלעכטע און נאָך דערצו אַ גרויסהאַלטערן ביזטו... חבר זיך מיט די שטערן וועט דיר נישט זיין אומעטיק.

איז די לבנה ברוגז געוואָרן מיט יאָסעלען. האָט זי זיך באַהאַלטן אונטער אַ וואָלקן און נישט געוואָלט אַרויס פון דאָרטן אַ שטיק צייט.

יאָסעלע האָט נישט געוואוסט וואָס ער זאָל איצט טון. האָט ער דערזען, אַז אַ שטערן האָט זיך אָפּגעריסן און פאַלט אַראָפּ פון הימל. האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פייערדיקן עק, און אין אַ מינוט אַרום איז ער געבליבן שטיין אויפן דאַך פון זייער שטוב.

אַז די לבנה איז צוריק אַרויס פון אונטערן וואָלקן, איז שוין יאָסעלע נישט געווען מער. האָט זי אים געזוכט, געזוכט און נישט געפונען. לאַנג אַוועק האָט־זי געקוקט מיט איר טרויעריקן אויג, ביז זי האָט באַשלאָסן צו הערבן יאָסעלעס עצה.

זי האָט גערופן צו זיך דעם גרעסטן און שענסטן פון די שטערן און געזאָגט צו אים:

— ווייסט, שטערן, וועסט זיין מיין חבר.

דער שטערן איז באַשטאַנען.

און פון דעמאָלט אָן שפּאַצירט די שטאָלצע לבנה איבער דעם ברייטן הימל־פּאַרק מיט איר איינציקן שטערן־חבר אין דער זייט. און מיט מילדע, בענקענדיקע שטראַלן קוקט זי אַריין דורכן פענסטער אין צימערל, וואו יאָסעלע שלאָפט מיט אַ געשמאַקן, זיסן שלאָף...

א מענטש פליט

אין א קעלער־שטוב איז מאַרקאָס געבוירן געוואָרן, אין א פייכטן און קאַלטן קעלער, מיט וועלכן די זון, לבנה, שטערן און נאָך אַ סך אַנדערע גוטע זאַכן זענען ברוגז, שטענדיק ברוגז...

אַז ער איז צום ערשטן מאָל אַרויס אין דרויסן, האָט ער דערזען פאַר זיך אַ ליכטיקע און אַ ברייטע וועלט, און די זונען־שטראַלן האָבן אים באַשאָטן אַזוי גרויס ווי ער איז געווען — האָט ער זיך געוואונדערט, אַזוי וואַרעם, אַזוי גוט איז אים געוואָרן! אַזוי פיל ליכטיקייט, אַז מ'קען אַזש נישט קוקן, מ'מוז זיך די אויגן פאַרשטעלן. פון דאָרט אויבן, פון אַלע זייטן קומט זי די ליכט אַזוי פיל, אַזוי פיל, אַזש אויף דער ערד ליגט זי, מען טרעט אויף איר... ווען ער זאָל נאָר קענען, וואָלט ער פולע קעשענעס מיט ליכט זיך אָנגעשטאָפּט און אין קעלער אַראָפּ־געטראָגן...

האָט עס אים שוין טאָג־טעגלעך געצויגן אַרויס, אַהינצו צו די ברייטע, העלע פעלדער פון ליכט און זון, צו דער ליכטיקייט, דער ברייטער און ווייטער. איז ער אַזוי גאַנצע נעכט געלעגן אויף זיין אָרימען געלעגער און געחלומט פון ווייטע ליכטיקע וועלטן, וואו ער זאַפּט איין אין זיך מיט די אויגן און מיטן גאַנצן קערפּער זון און ליכט, וויפיל נאָר עס וויל זיך, ביז ער ווערט שיכּור, שיכּור...

און אַמאָל האָט מאַרקאָס צוזאַמענגעקליבן וואָס נאָר ער האָט געפונען: פאַרזשאַווערטע בלעכן, שטיקלעך גלאָז, ברעטלעך, אויסגעריבענע שוועבעלעך, שטריקלעך און דרעטלעך און דערביי געמייסטערוועט, געהאַקט, געקלאַפּט, געשניטן, געבונדן עפּעס משונהדיקע קעסטעלעך. מער ווי איין מאָל האָט ער געכאַפּט אַ פּסק דערפאַר פון זיין בייזן פאָטער, וואָס אַלין האָט אים אויפגערעגט, אָבער מאַרקאָס האָט זיך גאָרנישט גענומען צום האַרצן.

ביי יעדן ברעטעלע, וואָס ער האָט צוזאַמענגעבונדן האָט ער אַרויסגע־לאָזט קולות פון פרייד, די אויגן האָבן געגלימען ביי אים גלאַנצן און ער האָט געטראָגן עס ווייזן זיין מאַמען...

— וואָס מאַכסטו דען מיין קינד?

— איך מאַך, מאַמע, אַ זאַך מיט וועלכער מירן קאָנען פליען ווי די

פייגעלעך, הויך און ווייט, דאָרט וואו עס איז ליכטיק און די זון שיינט...

האָט די שוואַכע מאַמע פאַרשטאַנען מאַרקאַסן וואָס ער וויל מאַכן, פאַר־שטאַנען זיין חלום, האָט זי אים געגלעט דעם קאָפּ מיט אירע קראַנקע הענט, האָט ער זיך דערנאָך מיט מער חשק גענומען צו דער אַרבעט: געבויט און צענומען און אָנגעהויבן אויפסניי.

אַז ער איז גרויס געוואָרן מאַרקאַס, האָט ער שוין נישט געהאַט קיין היים, אָבער געחלומט האָט ער נאָך אַלץ דעם חלום, ווי אַזוי צו דערגרייכן צו די זוניקע, בלויע הימלען און לופטיקע, פרייע וועלטן. האָט ער זיך גע־טראָגן איבער פרעמדע, ווייטע וועגן אָפטמאָל אַ הונגעריקער און נישט אויסגעשלאָפענער, אָבער דעם חלום זיינעם האָט ער ווייטער געשפּינען, גע־בויט, צוזאַמענגעקלאַפּט ברעטער, בלעכן, געדרייט, געפלאָכטן דראָטן, און צעבלוטיקט זיך די הענט...

אויסער אים האָט קיינער נישט געגלויבט אין דעם, וואָס ער האָט אויסגעבויט, און ערשט נאָך אַ לאַנגער צייט האָבן מענטשן פון נייגיריקייט זיך אָנגעהויבן צוצוקוקן צו מאַר־קאַסעס אַרבעט.

זענען געקומען מענטשן פון אַלע עקן וועלט, אייניקע צו באַוואונדערן, און אַנדערע אויסצולאַכן און אָפּצו־שפּעטן...

אַ שווייגנדיקער און ערנסטער האָט זיך געמאַטערט מאַרקאַס ביי זיין אַפּאַראַט, מיט שוויים און מיט אַ סוד אויף זיין צעקנייטשטן שטערן...

מיטאַמאָל האָבן אַלע געעפנט די מיילער פון גרויס פאַרוואונדערונג און געשריען:

— אַט פליט ער! אַ מענטש פליט! אַ מענטש פליט!

און מאַרקאַס איז געזעסן אַ אָנגעשטרענגטער אין זיין מאַשין, וואָס ער האָט דערפינדן און דערהויבן זיך, געשטיגן וואָס אַמאָל העכער, העכער אי־בער אַלעמענס קעפּ, וואו די הימלען זענען אַזעלכע קלאָרע, ריינע, דורכ־זיכטיק־בלויע און די זונען־שטראַלן אַזעלכע גלאַנציקע און מילדע.

— אַ מענטש פליט! אַ מענטש פליט!

טויזנטער הענט און טיכעלעך האָבן געפאָכעט, צו אים געשריען, אָבער מאַרקאַס איז שוין ווייט אַוועק פון זיי. האָט ער זיי שוין מער נישט געזען און מער נישט געהערט.

מאַרקאַס האָט געפילט, אַז ער ווערט שיכּור פון פרייד און גליק. אין יעדן גליד, אין די קליינע פינגערלעך פון די הענט און פיס, אין יעדער האָר זיינער, קומט אַריין אַזאַ פרייד, פון וועלכן ער ווערט גרינגער און גרינגער:

אַליין, אַן זיין מאַשין, וואָלט ער שוין איצט געקענט פליען...

שטייגט מאַרקאָס אַזוי העכער און העכער — — —

מיטאַמאָל האָבן גאַנצן מחנות ·צעשראָקענע פייגל שרעקלעך זיך צעקוואַקעט און צעשריען:

— קוואַ־קוואַ! קוואַ־קוואַ! — אַ מענטש פליט! אַ מענטש פליט!

איז געוואָרן אַ רעש, ווי אַ שטורעם־ווינט וואָלט זיך אָפּגעריסן.

זענען געקומען פייגל פון אַלע עקן הימלען, בייזע, צאָרנדיקע מיט אָפענע מיילער און שפּיציקע שנאָבלען און צעשרייען זיך:

— אַ מענטש פליט! אַ מענטש פליט! פון דאָרט אונטן האָבן זיי אונז פאַריאָגט. אַלע וועלדער האָבן זיי אויסגעהאַקט, די וואַסערן פאַרסמט און זיי לופט מיט הייסע דראָטן באַצויגן, און איצט קומען זיי אַהער צו אונז, אויך פון דאַנען ווילן זיי אונדז פאַריאָגן. ניין, מיר וועלן נישט לאָזן, נישט לאָזן! קומט אַלע! אַלע צוזאַמען!!!

אַזוי פיל זענען זיי געווען, אַז די שיין פון דער זון האָבן זיי פאַרשטעלט. האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטון און באַלאַגערט מאַרקאָסעס מאַשין און צעפּיקט, צעברעקלט זי מיט די שפּיציקע, צאָרנדיקע שנאָבלען...

אין אַ מינוט אַרום איז שוין מאַרקאָס געלעגן אויף אַ ווייט פעלד מיט אָפענע פאַרגלאָצטע אויגן, אַ צעהרגעטער...

איז געקומען שפּעטער אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ דרייסיקסטער און גענומען אויפבויען, אויסשפּינען דעם צעשטערטן חלום. פליען זיי איצט שוין זיבערער, שטאַלצער און העכער אין די בלויע טיפקייטן און לאַכן, שמייכלען, רופן צו זיך די אַלע, וואָס גייען אויף דער ערד...

דער גאַנצער הימל איז שוין פול מיט זיי, מיט די שטאָלענע, זינגנדיקע פייגל, און וועמענס פליגלען עס שפּיגלט זיך די זון.

און אַז אַ „שטאָלענער פויגל" אין די הימלעשע טיפקייטן פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל אויף דעם ווייטן פעלד, וואו עס שלאָפט זיך מאַרקאָס זיין שלאָף, וועקט ער זיך אויף פון דעם גערייש און געזאַנג, עפנט אויף די פאַרשלאָפענע אויגן, שטעכט מיט זיינע בליקן אַדורך די ערד, וואָס ליגט אויף זיין קבר און קוקט אַרויף הויך, הויך צום גינגאָלדענעם, באַוועגלעכן פּינטעלע, וואָס טראָגט זיך, שוועבט אין די פרייע, ליכטיקע, זוניקע, הימלעשע פעלדער און שמייכלט, שמייכלט מיט צופרידנהייט — — — מיין חלום פון אַמאָל, מיין חלום...

פייוול פרעסער לאַכט

שטענדיק איז פייוול געווען הונגעריק, שטענדיק האָט ער געהאַלטן אין איין קייען פון די טאַשן אַרויס און קיינמאָל נישט זאַט געוואָרן.

האָבן אים די קינדער צוגעגעבן אַ צונאָמען „פייוול פרעסער".

האָט זיך קיינער נישט געוואָלט חברן מיט פייוולען. ווער וועט זיך דאָס וועלן חברן מיט אַ פרעסער?

אַז די קינדער האָבן זיך מיט אים געטראָפן האָבן זיי אָנגעבלאָזן זייערע בעקלעך, אַז זיי זאָלן אויסקוקן אַזוי ווי פייוולס גראָבע באַקן, און נאָכגעמאַכט פייוולס גראָבע שטימע:

— פייוול פרעסער, ווילסט עפּעס פרעסן?..

— ביסט עפּעס שטאַרק הונגעריק, פייוול פרעסער?..

האָט עס פאַרדראָסן פייוולען, האָט ער זיך געיאָגט מיט רציחה נאָך די קינדער, אָבער דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ דיקער, איז ער געלאָפן, ווי אַ קאַטשקע, און קיינמאָל קיינעם פון די קינדער נישט געקענט דעריאָגן...

האָט ער גאָרנישט געטון פייוול. נאָר גאַנצע טעג אַרומגעגאַנגען און נאָכגעקלערט פון וואַנען צו באַקומען עפּעס צו קייען...

— ב —

אין אָוונט, ביי נאַכט־עסן, איידער זיין פאָטער, הערשל, האָט נאָר דעם ערשטן ביסן אַראָפּגעשלונגען, האָט שוין פייוול געהאַט אויסגעליידיקט איין טעלער, אַ צווייטן, און אויך אַ דריטן.

איז ער שוין געזעסן איצט און געצופּט, געריסן לעבעדיקע שטיקער פון ברויט, און מיט הונגעריקע אויגן, און מיט האַרץ־קלאַפּעניש געוואַרט אויף דער מינוט, ווען דער טאַטע זיינער וועט אָוועקרוקן דעם נישט דערעסענעם טעלער מיט קאַרטאָפל־זופּ, וועט ער אים שוין אויסליידיקן...

אַז אַלע אין שטוב זענען שוין געשלאָפן, האָט פייוול זיך צוגעשאַרט צום קוישל מיט ברויט, אָפּגעשניטן וויפיל ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. אויך נישט פאַרגעסן אָפּצוטרעטן ביי דער צוקער־פּושקע אָפּצושיטן אַ האַנט דינעם צוקער, און מיטן גאַנצן נאַכט־רויב זיך געלאָזט צוריק צו זיין געלעגער...

איז ער זיך געלעגן אויפן געלעגער, פייוול, און געקיים דאָס שוואַרצע

פאַרלעגענע ברויט, געטונקען אינם צוקער, געקייט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אַפּעטיט, אַז קיינער זאָל נישט דערהערן. אָבער ווי איינגעהאַלטן און פאַר־זיכטיק ר'איז נישט געווען, האָט דאָך דאָס קייען זיינס אָנגעמאַכט אַזאַ גע־רודער אין שטוב, וואָס האָט איבערוועקט הערשלען מיט די הערשלטע...

האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז מייז סקראָבען אויט אַ לאָך פון דיל, אָדער אַז גנבים אַרבעטן אונטערן פענסטער און ווילן זיי באַגנבענען... און אַז הערשל איז מיט גרויס האַרץ־קלאַפעניש אַראָפּ פון בעט, מיט אַן אָנגעצונדן ליכט אין האַנט, האָט דאָס סקראָבען אויפגעהערט, און פּייוול איז געבליבן ליגן שיעור נישט דערשטיקט צו ווערן מיט אַ פול מויל ברויט און צוקער, און געמאַכט זיך שלאָפן...

— ג —

פון טאָג צו טאָג איז פּייוול גרעסער געוואָרן, און אויך הונגעריקער.

אין דער שטוב ביי זיי איז שוין אַלין געווען פאַרשלאָסן, האָט ער זיך אַרומגעדריים, פּייוול, איבער די ברייטע בלאָטיקע הויפן פונם שטעטל, נישטערנדיק עפּעס צו קייען, און אַז ער האָט נישט געפונען איז ער אַהיים־געקומען אַ נאַבמער הונגעריקער.

האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביי די טירן פון זיין פאָטערס קלייט און געקלאַפּט אין דער בלעכערנער שילד און געשריען מיט אַ צעצווינגענעם קול:

— כ'בין הונ־גע־ריק! ב־רר־וי־טט, ב־רר־וי־טט!

איז אַרויסגעקומען הערשל פון קלייט און אַוועקגעטריבן פּייוולען און זיך פאַרענטפערט פאַר די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אַרום פון ניי־געריקייט:

— מיין גאַנץ פאַרמעגן וועט מיר נישט סטייען אים זאַט צו מאַכן. הרפּות און בושות טוט ער מיר אָן דער פרעסער. אַוועק פון מיין שטוב!..

האָט שוין פּייוול איצט צעשריען זיך נאָך שטאַרקער און צעבויגן די בלעכענע שילד מיט זיינע שטאַרקע פויסטן:

— וואָס בין איך שולדיק, אַז כ'בין געבוירן געוואָרן אַ הונגעריקער... גיב ב־רר־וי־טט! גיב ע־סס־ן!

האָבן פּייוולס גוואַלדן זיך אויסגעמישט מיט מענטשנס געלעכטער און אָפּגעהילכט אויש העט, העט, ביז אויף יענעם זייט טייך, און פאַרלוירן זיך אין באַרגיקן וועלדל.

האָבן מענטשן זיך געוואָלט פריילעך מאַכן מיט פּייוולס אַפּעטיט, האָבן זיי אים געבראַכט עסן פון אַלע זייטן... האָט ער זיך אַוועקגעזעצט פּייוול אויף די שטיינערנע טרעפּלעך פון זיין פאָטערס הויז און גענומען מיט אַפּע־טיט און ברען אויסליידיקן די טעפּלעך און טעלער, וואָס מענטשן האָבן אונ־טערגעטראָגן...

האָבן פּנימער זיך איבערגעוואַונקען און געשמייכלט וועגן פּייוולס אַפּע־טיט, און הערשל האָט שוין מער נישט געקענט איבערטראָגן די חרפּות און

האָט שוין הערשל פון דעמאָלט אָן נישט געלאָזט פּיוולען איבערטרעטן די שוועל פון זיין שטוב...

האָט זיך פּיוול קנאַפּ וואָס גענומען עס צום האַרצן.

הינטער דער שטאָט האָט ער זיך אויסגעזוכט אַן איינגעפאַלענע שטוב, איז ער דאָרט געשלאָפן, און דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער אמתער לעבן. עסן האָט אים שוין איצט נישט געפעלט, איבער געגוג האָט ער געהאַט. ביי־נאַכט האָט ער אַרויסגעגנבעט הינער און קאַטשקעס פון בעל־הביתישע שטייגן אין שטעטל, און געבראָטן זיי אויף אַ פייער צוזאַמען מיט קאַרטאָפל און מייערן וואָס ער האָט אויסגעקאָפּעט פון די שכנותדיקע פּויערישע פעלדער.

— ד —

זענען אָבער געקומען שלעכטע צייטן פאַר פּיוולען און אויך פאַר אַלעמען. אַ מלחמה, אַ גרויסע, איז געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט.

האָבן מחנות, מחנות מענטשן פאַרלאָזן די שטעט און די דערפער און זענען אַוועקגעפאָרן מלחמה האַלטן מיט אַנדערע מענטשן, וועלכע זיי האָבן קיינמאָל פאַר די אויגן נישט געזען... זענען די פעלדער געבליבן וויסטע, פאַר־טרויערטע: נישט געווען קיינער, וואָס זאָל זיי אַקערן, פאַרזייען און שניידן. איז געוואָרן אַ הונגער, געפעלט ברויט און שטיבער. די שטייגן פון עופות — פּוסטע און אין שטעטל ברענגט מען מער נישט קיין גוטע זאַכן צום עסן...

האָט זיך איצט ערשט אַ נייער הונגער דערוועקט אין פּיוולען, אָבער נישט בלויז אין פּיוולען, אַלע זענען שוין איצט הונגעריק געוואָרן, אַלע...

האָבן שוין איצט קינדער מער נישט געלאַכט פון פּיוולען... האָט עס אים אַ הנאה געטון, ס׳האָט זיך אויסגעוויזן פּיוולען אַז אַלע, אַלע פון שטעטל זענען געוואָרן צוגלייך מיט אים — הונגעריקע... פרעסערס... האָט ער גע־שמייכלט פּיוול...

גאַנצע טעג איז ער איצט געזעסן פּיוול אין דער איינגעפאַלענער הורבה און געגאָגט זיך די פינגער, געגריזשעט האַלץ, זענען זיינע באַקן איינגעפאַלן און די אויגן גרעסער געוואָרן... און אַז ס׳האָט זיך צעפלאַקערט אין אים דער הונגער, שוין נישט צום אויסהאַלטן, האָט ער זיך אַ ריס געטון פון דער הורבה און געלאָזט זיך לויפן איבערן שטעטל, ווי אַ משוגענער, ווי אַ ווילדע חיה און אָנגעלאָפן אויף שטיבער און געפרעסן, וואָס נאָר ס׳האָט זיך געלאָזט.

האָבן מענטשן איצט זיך געשראָקן פאַר פּיוולס הונגעריקער קישקע... און פּיוול האָט אַ שפּיי געטון הינטער זיך פון הונגער און פאַרביטערונג און געלאָזט זיך מיטן וועג וואָס פירט אַוועק וויים, וויים פון שטעטל שוין קיינמאָל אַהין נישט צוריקצוקומען...

— ה —

שפּרייזט פּיוול איבער וועגן פרעמדע און איבער פעלדער וויסטע, ווערט ער נאָך הונגעריקער. טרעפט ער זיך מיט אַ גוטן אַלטיטשקן, גייען זיי אינ־איינעם. האָט דער אַלטיטשקער אַ פידל, שפּילט ער אוים אויף דער פידל

ניגונים טרויעריקע, פארגעסט פייוול אויף א ווײַלע, אז ס'הונגערט אים...

שפרייזט פייוול איבער מדינות ווייטע, און אז דער הונגער צעפלאקערט זיך אין אים, צעברעכט ער די פידל, פארטרייבט דעם אלטיטשקן שפילער און נעמט שרייען מיט אזעלכע שרעקלעכע קולות, אז פייגל ציטערן און איבער ווייטע שטעט און לענדער צעטראגט זיך דאס ווידער־קול פון זיינע געשרייען:

— ב־רר־וי־טט! ב־רר־וי־טט גיט!!

הערן מענטשן פון ווייט פייוול פרעסערס געוואלדן, ווערן זיי פארציטערט פון שרעק און דערמאנען זיך, אז אויך זיי זענען הונגעריק...

גיים פייוול איבער שטעט און זעט, ווי קינדער הונגעריקע שרייען, ווי ער אמאל, ביי די טירן פון זייערע טאטעס שטיבער און אויף אלע גאסן:

— גיט עסן! גיט ברויט! גיט ברויט!

פארגעסט שוין דעמאלט פייוול פרעסער אין זיין הונגעריקער קישקע און ער לאכט, לאכט מיט זיינע איינגעפאלענע, מאגערע באקן, מיט די גרויסע גלאנציקע אויגן און קייכט זיך פון געלעכטער:

— אלע, אלע זענען שוין הונגעריק... אלע געווארן פייוול פרעסערס... אלע — — —

דער מויערער און זיין זון

די געשיכטע איז א גאנץ געוויינלעכע, א סך האבן שוין פון איר געהערט, אבער איך וויל זי פאר אייך נאכאמאל דערציילן.

— א —

איז געווען א טאטע א מויערער, האט ער אלע טאג אהיימגעבראכט זיין פארדינסט און די מאמע האט איינגעקויפט דערפאר, וואס מ'האט באדארפט אין שטוב.

האבן זיי געלעבט רואיק און צופרידן אין זייער ענג שטיבעלע און זיך געפריים מיט זייער איינציק קינד, א אינגעלע, דער, וואס וועט זיי פארזארגן מיט ברויט און מיט א טרייסט-ווארט אויף די עלטערע יארן, ווען די כוחות פארלאזן דעם מענטשן.

און שטענדיק, אז די זון האט זיך אראפגעלאזט א רויטע, א דערשוויצטע, און דער פאטער איז אהיימגעקומען פון דער ארבעט א מידער, האט ער גענומען דאס פיצינקע קינד אויף זיך, וואס האט אויסגעזען, ווי א פעדערל אין זיינע גראבע שווערע הענט, מיט מאזאלעס באדעקטע, און זיך דערמיט געשפילט, געהוידעט, און אין זיין אויג האט געפינקלט א טרער...

— ב —

אז דער אינגל איז עלטער געווארן, זיך קיים אויסגעלערנט לייענען און שרייבן, האט דער פאטער, ווען ער איז נאר פריי געווען פון דער ארבעט, אים גענומען דערציילן וואס פאר א גוטע און קלוגע ארבעט עס איז צו זיין א מויערער. שיינע פאלאצן און שטעט גאנצע שטעלט דער מויערער אויף: די גאנצע וועלט באבויט ער מיט זיינע פינגער און מיט זיין קעלניע. דער פאטער האט געוואלט, אז ער זאל אויך זיין א מויערער, ווי ער...

האט דער אינגל זיך איינגעהערט צום פאטערס רייד, אבער געטראכט האט ער גאר פון אנדערע, ווייטע, הויכע זאכן.

אין די רעגנדיקע, אומעטיקע פארנאכטן, האט ער אנידערגעלייגט דעם קאפ אויף זיין מאמעס שויס, צוויי פייערלעך האבן געברענט אין זיינע אויגן און ער האט געשוואוירן:

— מאמע, אז איך וועל גרויס ווערן, וויל איך זיין רייך, קלוג און בארימט.

מיר וועלן וואוינען אין אַ גלעזערנעם פּאַלאַץ ביים ים אויף אַ הויכן פאַר־כישופטן באַרג. איך וועל זיך הברן מיט די שענסטע פּרינצעסינס און דו וועסט גיין אין בלויז זיידענע קליידער, און צענדליקער, הונדערטער באַדינער וועלן וואַרטן אויף דיינע באַפעלן...

האָט די מוטער זיינע אויסגעהערט און גאָרנישט נישט געענטפערט, ווייל דאָס האַרץ איז איר שיעור נישט צעגאַנגען פון פרייד און נחת. האָט זי בלויז אַרומגענומען זיין קאָפּ מיט אירע ביינערדיקע הענט און אים בעגלעט...

נאָר דעם פאָטער האָט פאַרדראָסן אין באַנג געטון פאַרוואָס זייער איינ־ציק קינד האָט זיך גע־נומען אין קאָפּ אַריין אַזעלכע נאַרישקייטן, און ער טראַכט נאָר שטענדיק אין זיינע פוסטע חלומות, פון פּאַלאַצן און פּרינצע־סינס, און אויך אַ רחמנות האָט ער גע־האַט אויף אים, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט אַז אויך ער האָט אַמאָל אַזוי געטראַכט און געחלומט, ווען ער איז יונג געווען...

— ג —

און אַמאָל פאַר־נאַכט, ווען ער איז גע־זעסן מיט זיין מוטער און געחלומט פון די גין־גאָלדענע פּרינצעסינס, וועמענס קליידער ס׳זענען אויסגעוועבט פון די ווייסטע שטערנס און לבנה־שטראַלן, האָט זיך געעפנט די טיר און עטלעכע מענטשן האָבן אַריינגעבראַכט צו טראָגן אַ פּעקל, פאַרדעקט מיט אַ זאַק. אונטערן זאַק איז געלעגן דער פאָטער אַ צעהרגעטער. ער איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ הויכער מויער, וואו ער האָט געאַרבעט.

רעדן האָט ער שוין נישט געקענט. האָט ער בלויז געקרעכצט, גע־קרעכצט און שפּעט ביינאַכט האָט ער שוין אינגאַנצן אויפגעהערט צו קרעכצן — — —

איז די מוטער געזעסן ביים בעט און געבראָכן זיך די הענט. אויף איר קאָפּ האָבן געשפּראָצט, געבליט גרויע זילבערנע האָר, און דער אינגל האָט זיך געשראָקן פאַר זיין פאָטערס שווערע הענט, באַדעקט מיט בלויע, דיקע

אָדערן, זענען זיי געלעגן די הענט אַזעלכע מידע, אומבאַוועגלעכע אויפן ווייסן געלעגער — זיי האָבן זיך נישט אַ ריר געטון...

— ד —

איז שוין נישט געווען ביי זיי אין שטוב פאַרוואָס צו קויפן ברויט, איז דער אינגל געוואָרן דער פאַרדינער. דאָס הויז, וואו דער פאָטער זיינער איז אַראָפּגעפאַלן איז געשטאַנען נישט פאַרענדיקט, האָט ער דאָרט אָנגעהויבן אַרבעטן. האָט ער אין אָנהויב געטראָגן זאַמד און געשלעפּט ציגל. אַז דאָס הויז איז פאַרטיק געוואָרן, איז ער געגאַנגען אַרבעטן ביי אַ צווייט הויז, אָבער צו יענעם הויז, צום ערשטן, איז ער אַלץ כּסדר געקומען. ווען ער האָט נאָר צייט געהאַט, איז ער געשטאַנען פונדערווייטנס און באַקוקט דאָס הויז פון אַלע זייטן, דאָס הויז וואו זיין פאָטער איז געהרגעט געוואָרן...

איז ער אַזוי אויך אַ רעכטן אמת געוואָרן אַ מויערער און ליב באַקומען די אַרבעט. ער האָט שטענדיק געדענקט זיין פאָטערס רייד: „שטעט גאַנצע שטעלט ער אויף, די גאַנצע וועלט באַבויט ער" — האָט זיך געאַרבעט מיט מער חשק. אַ געטרייער און ערלעכער איז ער געוואָרן, קיין איין טאָג האָט ער נישט אַדורכגעלאָזט, געשווינד און גוט האָט ער געאַרבעט.

פון אומעטום איז מען געקומען צו אים, אַז ער זאָל גיין הייזער אויפשטעלן. האָט ער אויפגעשטעלט הייזער און הייזער — צען, דרייסיק, זיבעציק, הונדערט. רייך פון דער אַרבעט איז ער נישט געוואָרן, אַליין האָט ער נאָך געוואוינט אַלץ אין אַ ענגער, נאַסער קעלער־שטוב...

און אַז עס איז געקומען אַ יום־טוב, האָט ער גענומען זיין אַלטע מאַמע און געגאַנגען מיט איר איבער די רייכע, שיינע גאַסן און האָט איר אַ שטאָלצער געוויזן „זיינע" הייזער. אַזוי ווי אמתע פּאַלאַצן זענען געווען אויסגעבויט די הייזער און פון זייערע פענסטער האָבן אַרויסגעקוקט טעכטערלעך, ווי די שיינע פּרינצעסינס, פון וועלכע ער האָט אַמאָל געחלומט. — — —

— ה —

איז געגאַנגען אַ יאָר נאָך אַ יאָר און ער האָט שוין פאַרגעסן די צאָל פון די הייזער וועלכע ער האָט אויסגעבויט. האָט ער געשפּירט ווי די כּוחות גייען אים אויס... און עס האָט אים געשראָקן דער געדאַנק, אַז ער וועט נישט קענען פאַרענדיקן דאָס הויז וואָס האַלט זיך אין בויען...

ווער וועט דען פאַרענדיקן דאָס הויז נאָך אים, אַז קיין קינדער האָט ער נישט...

— ו —

עס איז שוין איין טאָג, צוויי, דריי, אַז דער מויערער גייט נישט צו דער אַרבעט. ער ליגט אויף זיין געלעגער אַ פאַרשמאַכטער און די אַלטע מאַמע נעבן אים און קען אים גאָרנישט העלפן.

דרויסן איז אַ קלאָרע, שטילע לבנה־נאַכט און דער אַלטיטשקער

מויערער, אַ גליענדער פון היץ וואַרפט זיך אויף זיין בעטל, קען נישט איינשלאָפן און קען זיך נישט דערוואַרטן אויפן טאָג. עפּעס אַ נאַכט אַ יאָר, האָט זיך אים אויסגעוויזן.

האָט ער זיך אָנגעשטרענגט און מיט אַלע כּוחות איז ער אַראָפּ פון געלעגער און איז אַרויס אין דרויסן.

שאַ שטיל איז אין גאַס, מען זעט קיינעם נישט, נאָר בלויז איין מענטש אין ווייסע וועש — דער אַלטיטשקער מויערער — גייט, שפּאַצירט גאַס־אויס און קוקט, באַטראַכט די שטומע הייזער וואָס שטיין פאַרשלאָפענע און חלומען.

אַזוי ווי אַ מאַמע מיט אירע קינדערלעך, אַזוי האָט ער זיך געפרייט מיט זיי אין דער שטיל... אַלע האָט ער זיי דערקענט, אַלע — דאָס הויז האָט ער אויסגעבויט מיט דריי, מיט זיבעצן יאָר צוריק, דאָס פאַר דרייסיק, יענץ פאַר אַכט־און־צוואַנציק — — —

און אָט שטייט ער שוין פאַר אַ הויז וואָס האַלט זיך ערשט אין בויען. אויף אַ מינוט איז ער פאַרשוואונדן ערגעצוואו צווישן די צעשטעלטע בעלקעס, ברעטער, דערנאָך איז ער אַרויסגעקומען דאָרט אין דער הויך, אויף דער רושטאַוואַניע און געליינט אין גרויס איילעניש ציגל אויף דער מויער, איין שורה אויף דער צווייטער, איינע אויף דער צווייטער...

האָט ער אינגאַנצן נישט געפילט ווי דער קאָפּ ברענט אים, בלויז די אויגן האָבן זיך ביי אים אַזוי מאָדנע צעשטראַלט, נאָך צוואַנציק, דרייסיק שורות ציגל — און דאָס הויז וועט שוין זיין פאַרענדיקט, אינגאַנצן פאַרענדיקט...

האָט ער אָבער פּלוצים דערפילט אַ שטאַרקע מידקייט אין די הענט און אין די פיס, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף דער מויער. דערנאָך זיך אויסגעצויגן, און איז גלייך איינגעשלאָפן, שטאַרק איינגעשלאָפן — — — — — —

ווער ווייס דען פון וואָס עס האָט איצט געחלומט דער אַלטיטשקער מויערער?

זילבערנע, טאַנצנדיקע לבנה־שטראַלן האָבן באַלויכטן זיין קערפּער און דער צעקניטשטער פּנים האָט רואיק, זיס געשמייכלט...



פון אומעטום

פֿייגעלעך־טאַטעס, פֿייגעלעך־מאַמעס דאַנקען...

ווייט פון דער שטאָט שוואַרצט זיך אַ וואַלד פול, פול מיט ביימער, גרעזער, שאָטנס...

שטייען ביימער פוילע — טעג, וואָכן, יאָרן־לאַנגע אויף דעם זעלבן אָרט און דרעמלען, חלומען און אַז עס בלאָזט אַ ווינטל און וועקט זיי, רייסט זייערע לאַנגע צווייגן־קאַלטענעס, נעמען זיי זיך איינס ס'אַנדערע דער־ציילן פון אַמאָל, פון גוטע צייטן, ווען די ביימער־ברודערלעך האָבן באַדעקט די ערד די גאַנצע, פון עק ביז עק, און רואיק געטרונקען, געזויגן ערד־זאַפט...

דערציילט מען, אַז ברייט און ווייט ציט זיך דער וואַלד, און אַזוי טיף. — אינעווייניק אין וואַלד צווישן געדיכטע שאָטנס זענען בערג און פעלזן־שטיינער פאַראַן און גזלנים האָבן דאָרטן זייערע אוצרות באַהאַלטן, און נאָר זיי, די גזלנים, ווייסן וואָס פאַר אַ שפּרוכן מ'דאַרף זאָגן, אַז די שווערע, פאַר־כישופטע שטיינער זאָלן זיך רירן, אָוועקרוקן פון זייער אָרט...

דערציילט מען אַז דאָרט טיף אין וואַלד, איז אַ גרוב פאַראַן, אָן אָפּ־גרונט אַ טיפער, און ווער עס פאַלט דאָרט אַריין, פאַלט ער און פאַלט אַזוי לאַנג, ביז ער קומט אָן אין אַן אַנדערער וועלט...

אַ סך, אַ סך ווייסן זיידעס און באָבעס צו דערציילן פון די שוואַרצע געדיכטע וועלדער. דערציילן זיי און דערציילן אין די טונקעלע פאַרנאַכטן זייערע נייגיריקע אייניקלעך... הערן קינדער מיט אָפענע מײַלער און שרעקן זיך, אַז די שאָטנדיקע וועלדער זאָלן נישט אָנקומען און אַרומרינגלען די שטיבער פון זייערע טאַטעס... און נאָר די דרייסטערע, העלדישע צווישן זיי, טראַכטן בייטאָג און בײַנאַכט ווי אַזוי אַהינצוקומען, און ווען זיי שלאָפן, גייען זיי אַהין, זאָגן דעם שפּרוך וואָס מ'באַדאַרף און די שווערע שטיינער פון די אוצרות־היילן עפענען זיך און זיי מיט זייערע טאַטעס און פעטערס ווערן רייך...

איז טאַקע אַמאָל אַ אינגל אַזעלכער געווען, אַ אינגל, מיט גרויסע און שוואַרצע אויגן, וואָס קוקן אויף נאָענטע זאַכן און זעען ווייט, ווייט... לאַנג האָט זיך דער אינגל איינגעהאַרכט די מעשׂות פון זיין זיידן, און מיט די שוואַרצע אויגן געקוקט אַהין צו די פעלזן־שטיינער וואָס פאַרדעקן די היילן פון די אוצרות...

האט דער אינגל לאנג געחלומט און געחלומט, ביז ער האט שוין געהאט צוגעטראכט דעם שפרוך וואס מען באדארף זאגן...

האט ער גענומען א לאמטערן, א ליכטל אריינגעשטעלט, און אמאל ביינאכט האט ער זיך ארויסגעגנבעט פון שטוב און געלאזן זיך אין וועג אריין...

ערשט אז ר'איז געקומען אין וואלד האט ער גענומען אויסזוכן, אויסטרעטן זיך א וועג צו די אוצרות...

זוכט ער דעם וועג און זוכט. אבער וועגן און שטעגן זענען דא א סך. ווייסט ער נישט וועלכן ר'זאל אויסקלייבן. דאכט זיך דער, דאכט זיך יענער — — — אבער אט איז עפעס א שלעכטע זאך געשען. די לאמטערן זיינע האט זיך פלוצים פארלאשן.

אט זענען זיי געקומען די שלעכטע ווינטן אים באגעגענען און פארנארן אין אפגרונט... ציטערט ער פון שרעק און האט מורא א טריט צו שטעלן...

זוכט ער אין אלע קעשענעס, זוכט, זוכט לאנג און... געפינט א שוועבעלע. צינדט ער אן זיין לאמטערן, ווארפט אוועק די ברענענדיקע שוועבעלע און גייט ווייטער א זיבערער...

אפגעגאנגען קוים עטלעכע טריט, ווערט אים מיטאמאל אזוי ליכטיק אין די אויגן... נו, וואס זאל עס באדייטן? פון וואנען, אינמיטן דער נאכט, אינם אייביק-פינסטערן וואלד אזא ליכטיקייט? מסתמא א כישוף אזעלכער...

דרייט ער זיך אויס, זעט ער, אז פון דעם שוועבעלע, וואס ר'האט אוועקגעווארפן, האבן זיך טרוקענע גרעזער אנגעצונדן, איז ליכטיק פון זיי...

בלייבט ער שטיין ווי א גולם און ווייס נישט וואס ר'זאל טון...

און אט ברענט שוין א פייער און פלאמען נעמען טאנצן פון צווייג צו צווייג און פון בוים צו בוים. ווייס ער שוין גארנישט וואס ר'זאל טון. קוקט ער און גלאצט מיט א פאר גרויסע גולם-אויגן און דערפילט פלוצים, אז דאס פייער ברוט אים אין פנים. נעמט ער לויפן אויף גיך, אויף גיך און דאס פייער — נאך אים, נאך אים. —

פארווארפט דאס פייער זיינע צינגען אויף רעכטס און לינקס, ווערט ליכטיק און ליכטיק אומעטום...

וואונדערט און עס שרעקט זיך דער אינגל, וואס איז געקומען זוכן גזלנישע אוצרות. און צוזאמען מיט אים אלע בוימער, קוקן זיי נייגיריקע אזוי און מיט אויסגעשטרעקטע צווייגן-ארעמס בעטן זיי זיך ביים פייער, אז ר'זאל קומען אויך צו זיי...

לאזט זיך דאס פייער נישט בעטן, צעשפרייט עס זיך אין דער לענג און

אין דער בּרייט, אויף רעכטס און לינקס, בּיז דער וואַלד דער גאַנצער, דער געדיכטער און טיפֿער באָדט זיך אין אַ פֿלאַם־פֿייערדיקער בּאָד... —

און מיטאַמאָל אַ געוויין, אַ בּיטער געיאָמער אַזאַ, פּונקט ווי אַ סך מאַמעס אינאיינעם וואָלטן זיך צעיאָמערט אויף אַן אומגליק, אַ גרויסן, וואָס געשעט...

יאָ, טאַקע מאַמעס... דאָס זענען מחנות פֿייגל־טאַטעס און פֿייגל־מאַמעס, וואָס בּאַוויינען זייערע יונגע קינדערלעך, וועלכע בּראָטן זיך לעבּעדיקערהייט אין די נעסטן.

איז אַ רחמנות געוואָרן דעם אינגל אויף די אָרימע פֿייגל־טאַטעס און פֿייגל־מאַמעס.

האָט ער פֿאַרגעסן מיטאַמאָל אין די גזלנישע אוצרות, וואָס ליגן בּאַהאַלטן דאָ אין וואַלד אונטער שווערע פֿאַרפּישופּטע פֿעלזן־שטיינער, פֿאַרגעסן דעם שפּרוך וואָס מ׳דאַרף זאָגן, אַז די שטיינער זאָלן זיך אָוועקרוקן פֿון זייער אָרט און פֿאַרגעסן אויך אין זיך אַליין, פֿאַרגעסן אַז די פֿלאַמען יאָגן זיך נאָך אים און ווילן אים אויסצוואָגן, אויסבּאָדן אויף אַ גרינגן, געליטערטן אינגעלע...

האָט ער שוין אין אַלעם געהאַט פֿאַרגעסן, נאָר געהערט און געפֿילט אויף זיך און אין זיך דאָס געוויין און יאָמער פֿון די אָרימע, פֿאַרצווייפֿלטע טאַטע־מאַמעס...

האָט ער פּלוצים מיט אַ ווילדן אימפּעט אויפֿגעקליבּן פֿון דער ערד די אַלע אָראָפּגעפֿאַלענע, זיך בּרענענדיקע נעסטן און זיי געדריקט צו זיין בּרוסט צו ראַטעווען דערמיט די יונגינקע, דערשראָקענע שוועלבּעלעך. האָט ער אַ פֿולן בּוזים מיט נעסטן אָנגעקליבּן און געטראָגן זיך ווי אַ ווינט צווישן אָנגעגליטע פֿאַרכשופֿטע בּוימער, רויטע, מיט בּרענענדיקע מלבּושים אויף זיך —

— —

צומאָרגנס האָבּן מענטשן געפֿונען דעם אינגל אַ פֿאַרהלשטן נישט ווייט פֿון נאָך בּרענענדיקן וואַלד.

איז געלעגן דער אינגל לאַנג, לאַנג אין בּעט מיט אַ גליענדיקן קאָפּ און אַ פֿאַרבּרענטן קערפּער און געקוקט ווייט, ווייט ערגיצוואו מיט זיינע גרויסע, טיפֿע אויגן און געמורמלט. געהערט זיך נאָך אַלץ דעם שפּרוך, וואָס ער דאַרף זאָגן די שווערע פֿעלזן־שטיינער...

און עטלעכע מאָל אין טאָג איז געקומען צו פֿליען אַ מחנה מיט פֿייגעלעך און זיך אַוועקגעשטעלט אויפֿן פֿענסטער פֿון דער שטוב, וואו ס׳איז געלעגן דער קראַנקער אינגל און אין כאָר האָבּן זיי לאַנג און שיין געזונגען, געדאַנקט פֿאַר עפּעס, געדאַנקט — — —

און קיינער האָט נישט געוואוסט פֿאַרוואָס.

אַ נאַכט פון ערד־ציטערניש

(אין 6 סצענעס)

עס נעמען אָנטייל הייזער און מענטשן:

שולע	הויז פון אַ בעל־הבית
זקנים־הויז	אַנדערע הייזער פון שטאָט
תפיסה	דער נאַכט־וועכטער
שפּיטאָל	יונה

מענטשן־שטימעס.

ערשטע סצענע

נאָך האַלבער נאַכט. עס קריים דער האָן. הינט בילן. געדיכטע שאָטנס הילן אַלץ איין. און אַ ווייט הויז לויכט זיך נאָך. אויף אַ מאָנומענט זיצט פאַרוויקלט אין שמאַטע־מלבושים דער נאַכט־וועכטער.

נאַכט־וועכטער: שלאָפט שוין אַלץ און שנאָרכט געשמאַק, נאָר דאָרט ווייט לויכט זיך נאָך אַ פייערל.

שולע: ס׳האָט געקריים שוין דער ערשטער האָן. ווער זיצט דאָס נאָך אַזוי שפּעט?

נאַכט־וועכטער: דאָס זיצט יונהס מאַמע און מאַכט צורעכט זיינע הויזן, וואָס ר׳האָט היינט צוריסן.

זקנים־הויז: אַ נאַרישע מאַמע... מאָרגן וועט זי יונה איבערניי צערייסן...

שולע: יונה — דער גרעסטער שטיפער פון שטאָט... גוטע מאַמע־הענט און געטרייע מאַמע־אויגן — געבענטשט זאָלן זיי זיין...

הייזער פון שטאָט: געבענטשט זאָלן זיי זיין, געבענטשט זאָלן זיי זיין...

צווייטע סצענע

איצט איז שוין אינגאַנצן פינסטער. אַ טויט־שטילקייט הערשט אַרום און אַרום. שטערן פינקלען און פאַלן אַראָפּ. פון צייט צו צייט רייסט זיך אַריין אַ ווילד געבילעריי פון הינט. דעם נאַכט־וועכטער זעט מען נישט.

שולע: און ס׳טאָגט נאָך אַלץ נישט... בענקט זיך שוין אַזוי שטאַרק נאָך קינדעריש געלעכטער און פרייד... קיינמאָל קען איך זיך נישט אָנזעטיקן דערמיט, קיינמאָל נישט...

ז ק נ י ם ־ ה ו י ז : כ׳ווייס נישט וואָס עס איז גרעלעכטער, כ׳ווייס נישט וואָס עס באַדייט פרייד... קרעכצן די זקנים בייטאָג און קרעכצן ביינאַכט און קרעכצן... יעדעס אבער בדעכט און טוט וויי... אויסגעמאַטערטע וואַרטן זיי אומגעדולדיק אויף זייער אויסלייזער...

עס הערן זיך שרעקלעכע קרעכצן פון זקנים.

ש פ י ט אָ ל : פול מיט מענטשלעכן ווייטיק און פיין זענען מיינע ווענט, און מיין לופט שמעקט מיט רפואות...

ת פ י ס ה : וואָס איז דען אַזעלכעס טאָג?.. אייביק נאַכט אין מיינע קעלערס, די פענסטער פאַרמויערט און פאַרהאַמערט... פון מיינע ווענט קאַפּען גיפטיקע טרערן און באַוויינען יונגע, אָרימע לעבנס פאַרשפּילטע...

עס הערן זיך טעמפּע געשרייען פון אַרעסטירטע.

אַ ש ט י מ ע : פאַרשידן איז דער גורל פון מענטשן און פון הייזער...

ש ו ל ע : געפינען זיך די קינדער צווישן מיינע ווענט, ווייזט מיר אויס, אַז כ׳וועל צעשפּאַלטן זיך פון גרעלעכטער און גוטסקייט... אַז כ׳וועל נישט איבערטראָגן אַזוי פיל פרייד...

ז ק נ י ם ־ ה ו י ז : ביי מיר ציילן געוועזענע מענטשן זייערע לעצטע טעג און שעהן...

ש פ י ט אָ ל : קיינמאָל וועט זיך מענטשלעכער צער און פיין נישט צעשיידן מיט מיר, קיינמאָל נישט...

ת פ י ס ה : נאָך שווערער ווי פיין פון קראַנקע איז דער צער פון געזונטע... מיין פונדאַמענט באָדט זיך אין מענטשלעכע טרערן...

אַ ש ט י מ ע : פאַרשידן איז דער גורל פון מענטשן און פון הייזער...

ה י י ז ע ר פ ו ן ד ע ר ש ט אָ ט : פאַרשידן איז דער גורל פון מענטשן און פון הייזער...

ד ר י ט ע ס צ ע נ ע

עס הערשט אַן אויסערגעוויינלעכע שטילקייט. די שטערן פאַרשווינדן און דער הימל באַדעקט זיך מיט געדיכטע וואָלקנס שוואַרצע. דער נאַכט־וועכטער זיצט אויף זיין אָרט און דרימלט.

ש ו ל ע : פון וואָס חלומסטו דען אַלטער וועכטער?

נ אַ כ ט ־ ו ו ע כ ט ע ר : פון מיינע קינדער חלום איך...

ש ו ל ע : וואָס חלומסטו דען פון דיינע קינדער?

נ אַ כ ט ־ ו ו ע כ ט ע ר : אַז זיי וועלן אויך מוזן זיין נאַכט־וועכטערס און

נישט שלאָפן ביינאַכט...

ש ו ל ע : אַלע קינדער פון געגנט קומען צו מיר אין שולע, אָבער וועלכע זענען דיינע קינדער?

נ אַ כ ט - ו ו ע כ ט ע ר : כ'ווייס נישט... כ'טרעף זיך קיינמאָל נישט מיט זיי...

ש ו ל ע : ווי זעען זיי אויס, זאָג מיר?

נ אַ כ ט - ו ו ע כ ט ע ר : כ'קען זיך נישט דערמאָנען... כ'ווייס נישט...

ז ק נ י ם - ה ו י ז : ווי זאָלן זיי דען אויסזען? מסתמא שטיפערס ווי אַלע קינדער...

פויזע. עס דרימלט ווייטער דער וועכטער.

ש ו ל ע : און פון וואָס נאָך חלומסטו אַלטער וועכטער?

נ אַ כ ט - ו ו ע כ ט ע ר : פון קענען זיך אַמאָל גוט אויסשלאָפן...

ז ק נ י ם - ה ו י ז : וועסט זיך נאָך אויסשלאָפן, וועסט זיך נאָך אויסשלאָפן...

נ אַ כ ט - ו ו ע כ ט ע ר : באַלד, באַלד וועסטו מיך באַקומען פאַר אַן איינוואוינער... וועל איך קרעכצן ביינאַכט און נישט שלאָפן, ווי עס טוען דיינע אַלע זקנים...

עס הערן זיך קרעכצן פון די זקנים.

ש ט י מ ע ס : קרעכצן ביינאַכט און נישט שלאָפן...

פ ע ר ט ע ס צ ע נ ע

אַלץ אַזוי ווי אין דער דריטער סצענע.

ז ק נ י ם - ה ו י ז : ווי אַלץ האָט זיך דאָ געביטן, געביטן זיך. אַזעלכע הויכע הייזער אַרויסגעוואַקסן אַרום, אַז ס'פּאַסט זיי שוין נישט אויך צו קוקן אויף אונדז... צום הימל רייסן זיי זיך...

ת פ י ס ה : אַזוי ווי אין חלום געדענק איך נאָך, ווען מ'האָט מיך איפגעשטעלט. דאָ איז געווען ווייט פון דער שטאָט, די גאַנצע געגנט איז נאָך געווען פּוסט אַרום און אַרום. אין שטאָט האָט מען זיך געשעמט מיט מיר... און היינט איז דאָ מיטשטאָט געוואָרן... דעם באַלאַבאָס הויז איז מיין שכן איצט...

ה ו י ז פ ו ן ב ע ל - ה ב י ת : יענע בעלי-בתּים האָבן זיך טאַקע געשעמט, האָבן זיי מיך פאַרקויפט...

ת פ י ס ה : און דער איצטיקער בעל-הבית?

ה ו י ז פ ו ן ב ע ל - ה ב י ת : דער שעמט זיך נישט, אַ גוטער איז ער און אַ קלוגער...

ז ק נ י ם - ה ו י ז : אַלע בעלי-בתּים זענען קלוג, חכמים זענען זיי...

ה ו י ז פ ו ן ב ע ל - ה ב י ת : נישט אַלע בעלי-בתּים זענען גלייך. דער זאָרגט פאַר מיר... צוויי האַקעס אויף אַרויסצוהענגען פענער, האָט ער אַריינגעקלאַפּט, אַרומגעפלאַנצט מיך מיט בלומען און זומער וועט ער מיר מאַכן אַ נייעם דאַך, אַ דאַך פון רויטע קאַכליעס גלאַנציקע... וועל איך ווידער אויסזען, ווי נייַ...

ש ו ל ע : רעד נישט מער פון זומער. די שלעכטסטע צייט דערמאָלסט פאר מיר... פוסט און וויסט בלייב איך שטיין... ווי אַ חורבה פונקט...

ז ק נ י ם ־ ה ו י ז : אז ר׳פוצט דיך אַזוי אויס דער בעל־הבית, וועט ער דיך פאַרקויפן, פאַרקויפן וועט ער דיך... קומען וועט אַ צווייטער און דיך צעמאָלן אויף שטויב און אויפשטעלן אַ הויך הויז, גלייך ווי יענע פון קעגנאיבער...

ה ו י ז פ ו ן ב ע ל ־ ה ב י ת : נישט צום פאַרקויפן פוצט ער מיך. ער זאָרגט פאַר מיר. אַ גוטער און אַ קלוגער איז מיין בעל־הבית...

ת פ י ס ה : אַ גוטן בעל־הבית האָב איך... פאַר מיר, פאַר מיר זאָרגט מען...

ש ט י מ ע ס : שוין איינמאָל אַ גוטער בעל־הבית... שוין איינמאָל אַ גוטער בעל־הבית...

פ י נ פ ט ע ס צ ע נ ע

אַ גערדיכטע פינסטערניש הילט אַלץ איין. עס בלאָזט אַ צפון־ווינט. שאַ שטיל, ס׳הערט זיך נאָר דאָס טופען פון וועכטערס שטיוול. דער וועכטער שפּאַצירט איבערן ברוק, קלאַפּט מיטן שטעקן אין דער ערד און פייפט עפּעס אַ טרויעריקע מעלאָדיע.

ה ד י ז פ ו ן ב ע ל ־ ה ב י ת : טופּע נישט און קלאַפּ נישט אַלטער וועכטער מיטן שטעקן דיינעם, וועקסט נאָך מיין בעל־הבית אויפוועקן... די בעסטע שעהן איצט פון שלאָף און פון חלום.

ש פ י ט א ל : וועק נישט די קראַנקע. ס׳איז דער שלאָף אַ רפואה פאַר זיי.

נ א כ ט ־ ו ו ע כ ט ע ר : שוין פופציק יאָר, אַז כ׳שלאָף נישט ביינאַכט...

ה ו י ז פ ו ן ב ע ל ־ ה ב י ת : עמיץ מוז דאָך היטן, וואַכן, ווען אַלע שלאָפן... באַקומסט דאָך געצאָלט פאַר דיין שלאָף...

ה י י ז ע ר פ ו ן ד ע ר ש ט א ט : באַקומסט דאָך געצאָלט, באַקומסט דאָך געצאָלט פאַר דיין שלאָף...

ת פ י ס ה : איינער מוז דאָך שטענדיק זיין דער שולדיקער... ביזטו עס...

אַ לאַנגע פּויזע. עס פאַרשטאַרקט זיך דער ווינט וואָס אַמאָל מער.

נ א כ ט ־ ו ו ע כ ט ע ר : אַט מאַכט זיך נאָר אַ שטורעם, אַ שטורעם גאָר. מיין זיידע און מיין טאַטע נאַכט־וועכטערס געווען, איך בין עס און מיינע קינדער וועלן עס אויך מוזן זיין... ווער ווייס ביז ווי לאַנג אַזוי?

ש ט י מ ע ס : ווער ווייס ביז ווי לאַנג אַזוי, ביז ווי לאַנג אַזוי?

נ א כ ט ־ ו ו ע כ ט ע ר : אַזאַ לאַנגע פאַרשאָלטענע נאַכט היינט, אַזאַ פאַרשאָלטענע...

ש פ י ט א ל : זיי געבענטשט גוטע נאַכט, געבענטשט זיי... לאַנג דויער, אייביק דויער... ביסט אַ באַלזאַם פאַר אַלע ווייטיקן און אַ היילונג פאַר אַלע קראַנקע...

נ א כ ט ־ ו ו ע כ ט ע ר : פאַר אַלעמען, נאָר נישט פאַר אַן אַלטן וועכטער...

ש ט י מ ע ס : נאָר נישט פאַר אַן אַלטן וועכטער, נאָר נישט פאַר אַן אַלטן וועכטער...

נ א כ ט ־ ו ו ע כ ט ע ר : עפּעס דריקט אַזאַ טרויער, ברענט אַזאַ עולה פאַר אַלע פופציק יאָר מיינע נישט געשלאָפענע נעכט — — — וויל זיך

פייפן, שטיפן, שרייען, וועקן, רופן, קלינגען אויף די אליארם-גלאקן און אלעמען פון די בעטן ארויסשטעלן, אלעמען, אלעמען...

שטימעס: אלעמען פון די בעטן ארויסשטעלן, אלעמען, אלעמען, אלעמען!..

זעקסטע סצענע

א שרעקלעכער שטורעם-ווינט. עס בליצט, דונערט און רעגנט.

הויז פון בעל-הבית: עפעס וועט געשען שלעכטעס היינט מיט אונדז. כ׳פיל, כ׳פיל...

עס הערט זיך א מוראדיקער טראך.

אלע הייזער: וואס געשעט!? וואס געשעט!?

תפיסה: אט געשעט עס. א וואנט האט זיך ביי מיר געשפאלטן... טרערן פון יונגע לעבנס ווערן נישט אויסגעטריקנט... ניין, ניין!

שטימעס: ניין, ניין! טרערן פון יונגע לעבנס ווערן נישט אויסגעטריקנט...

הויז פון בעל-הבית: שרעק איך זיך אזוי! ווער ווייס וואס ס׳וועט געשען מיט מיין דאך...

שטימעס: מיט מיין דאך, מיט מיין דאך...

עס הערט זיך א שרעקלעכער קראך איינציקע מאל. עס שיטן זיך הייזער.

נאכט-וועכטער: גוואלד, ערד-ציטערניש, ערד-ציטערניש!!

אלע הייזער: ערד-ציטערניש, ערד-ציטערניש!!

דער וועכטער קלינגט מיטן אליארם-גלאק און שרייט. עס הערן זיך געוואלדן, געשרייען, געלעכטערס, געזאנג.

תפיסה: אט זענען זיי פריי געווארן, פריי געווארן...

שטימעס: מיר זענען פריי, מיר זענען פריי...

עס קומט צולויפן יונה.

יונה: אט וועל איך שוין נישט דארפן גיין אין שולע... פטור געווארן, פטור...

נאכט-וועכטער *קלינגט און שרייט*: פופציק יאר נישט געשלאפענע נעכט, פופציק יאר... אן ערד-ציטערניש!..

עס הערט זיך דאס קראכן פון הייזער, א מיש-מאש פון געשרייען און געזאנג.

עס טאגט.

פארהאנג.

אין אַ בריוו־קעסטל

(אַ פאַנטאַסטיש בילדל אין 5 סצענעס)

עס נעמען אַנטייל:

1־טער בריוו	נאָך אַנדערע בריוו
2־טער בריוו	1־טע שטימע
3־טער בריוו	2־טע שטימע.

ע ר ש ט ע ס צ ע נ ע

אַ טריבער פאַרנאַכט. אויפן ראַג־גאַס שטייט אַ בריוו־קעסטל, אינעווייניק ליגן עטלעכע בריוו און ציטערן פון קעלט.

2־טער בריוו: ווי ווינציק מיר זענען דאָ, ווי ווינציק!

1־טער בריוו: נו, אין אַזאַ הינטער פאַרגעסן מענטשן צו שרייבן, פאַרגעסן.

2־טער בריוו: נישט זיי פאַרגעסן, נאָר זיי פוילן זיך. אין אַזאַ וועטער ווערן אַלע, אַלע פויל... ווי קאַלט עס איז דאָ, ווי קאַלט!

1־טער בריוו: נאָך גוט וואָס ס'רעגנט נישט דאָ אַריין...

2־טער בריוו: אונדז איז גוט, מ'זאָרגט פאַר אונדז... ערשט יענע וואָך האָבן זיי דאָס קעסטל אָפּגעשמירט מיט רויטער פאַרב און די טאַרבע צורעכט געמאַכט...

אַלע בריוו: אונדז איז גוט, מ'זאָרגט פאַר אונדז... מ'זאָרגט פאַר אונדז...

צ ו ו י י ט ע ס צ ע נ ע

עס הערן זיך טריט פון דרויסן, איינער איז צוגעקומען צום קעסטל.

אַלע בריוו: אָט האָט עמיצער געבראַכט אַ בריוו! אַ בריוו!

אַלע האַרכן זיך איין. ס'פאַלט אַריין אַ דיקער בריוו אין אַ גרויסן קאָנווערט. אין קעסטל דערהערט זיך אַ שרעקלעכער קרעכץ.

1־טער בריוו: גוואַלד, ר'האָט מיך צעקוועטשט! יעדעס אבר האָט ער מיר צעקנייטשט...

3־טער בריוו: האָסטו זיך גנדאַרפט אַוועקרוקן אין אַ זייט.

1־טער בריוו: ביזט נישט קיין־גרעסערער יחסן פון מיר... אויף מיר קלעפן פונקט אַזוי פיל מאַרקעס ווי אויף דיר...

3־טער בריוו: כ'בין יאָ אַ גרעסערער יחסן. די פּאַפּירן מיינע זענען ווערט אַ ממון מיט געלט. אין אַ באַנק אַריין שיקט מען מיר. און דו ביזט אַ פּראָסט שטיקל פּאַפּיר...

1-טער בריוו: שוין אַ האַלב יאָר אַז אַ גוטע מאַמע דאַרט וויים וואַרט אויף מיר: יעדן טאָג קוקט זי אויס און פרעגט זיך ביים בריוו-טרעגער אויף מיר...

3-טער בריוו: נאָך אומגעדולדיקער וואַרט מען אויף מיר... פאַר אַלעמען האָב איך אַ ווערט. פאַר אַלעמען. פאַר מיר קען מען קויפן שיינע און גוטע זאַכן: וואָס ס'פאַרגלוסט זיך נאָר...

1-טער בריוו: אַז דו וועסט אָנקומען אין דער באַנק אַריין, וועט מען דיך דאָרט איינשליסן אין אַ אייזערנער קאַסע, אַ קאַלטער... און מיך וועט מען לייענען און לייענען און טאַמער ליפּן וועלן מיך קושן... און געזאַלצענע, ערלעכע מאַמע-טרערן וועלן מיך באַנעצן...

דער דיקער בריוו דרייט זיך אַוועק און בלייבט דאָרטן ליגן אַ פאַרטרויערטער.

ד ר י ט ע ס צ ע נ ע

אין קעסטל איז שוין רואיק. אינדרויסן איז שוין גוט פינסטער. פון אַ באַוועגדיקער ליכט-רעקלאַמע פאַלט אַריין פון ציים צו ציים אַ פּאַס רויטע און גרינע ליכט.

אַלע בריוו: ווען, ווען וועט מען שוין קומען נאָך אונדז?..

1-טער בריוו: יעדע מינוט איז אַ יאָר פאַר מיר. איבער ימים טיפע און לענדער ווייטע דאַרף איך פאָרן. דרייסיק טעג מיט דרייסיק נעכט וועט געדויערן מיין וועג...

2-טער בריוו: ווייזט אויס אַז פאַרגעסן אין אונדז, פאַרגעסן. ווי לאַנג, ווי לאַנג איך ליג שוין דאָ!

3-טער בריוו: שוין בעסער דאָ איבערנעכטיקן אין קעסטל, איידער אין דער גרויסער פּאָסט אויפן שטיינערנעם דיל צווישן אַ גרויסער קופּע בריוו. (צום צווייטן בריוו) ווי דין, ווי דאַר דו ביסט! וועסט נאָך דאָרט גע־פרוירן ווערן.

2-טער בריוו: די מענטשן וואָס שיקן מיך איז נאָך קעלטער פון מיר, און ווערן אויך נישט פאַרפרוירן...

3-טער בריוו: וואוהין שיקט מען דיך?

2-טער בריוו: אין אַ גרויס הויז אַריין, אַ הויז מיט מאַרמאָרנע ווענט און זיילן.

3-טער בריוו: איז עס דאָך אין דער באַנק אַריין, וואו מ'שיקט מיך.

2-טער בריוו: יאָ, אין דער באַנק אַריין טאַקע.

3-טער בריוו: ווער שיקט דיך אַהין?

2-טער בריוו: אַן אַרבעטסלאָזער, ר'וויל באַקומען אַרבעט דאָרט.

3-טער בריוו: וואָס הייסט אַן אַרבעטסלאָזער? כ'ווייס נישט, זאָג מיר.
2-טער בריוו: ווייסט נישט? אַן אַרבעטסלאָזער. איז אַ הונגעריקער און אַן אָרימער איז ער.
3-טער בריוו: כ'ווייס נישט וואָס ס'איז הונגער, כ'ווייס נישט וואָס ס'באַדייט אָרימקייט. אין די בענק, וואו איך קום זענען די אייזערנע קאַסעס אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד, מיט זילבער און מיט פּאַפּירן טייערע...
2-טער בריוו: דאָס איז נאָר אין די בענק אַזוי, אין די אייזערנע קאַסעס בלויז...
3-טער בריוו: טאָ פיר מיך אַהין צו זיי, צו די אָרימע, וועלן זיי אויפהערן צו זיין אָרימע. אַלץ, אַלץ וועלן זיי פאַר מיין ווערט באַקומען...
2-טער בריוו: וועסט אַהין נישט קענען קומען. דו האָסט נישט דיין אייגענעם ווילן. דאָרט וואוהין מ'שיקט דיך מוזטו גיין...
3-טער בריוו: אַזוי גאָר, אַזוי?
2-טער בריוו: האָסט דען נישט געוואוסט? ביזט דען ערשט געבוירן געוואָרן?
אַלע בריוו: ווייזט אויס פון הימל אַראָפּגעפאַלן, פון הימל... דער דיקער בריוו: בלייבט ליגן אין אַ ווינקעלע אַ פאַרטרויערטער און אַ פאַרטראַכטער.

פערטע סצענע

נאָך האַלבער נאַכט. ס'נעמט קאַפּען אַ דינינקער רעגנדל. די בריוו דרימלען. ס'הערט זיך פון דרויסן אַ געשפּרעך פון צוויי שטימעס.

1-טע שטימע: וואו וועלן מיר שלאָפן, יאָסל?
2-טע שטימע: קרומט אים איבער וואו וועלן מיר שלאָפן? וואו וועלן מיר שלאָפן? זעסט דאָך, אַז אין אַ פּאַלאַץ וועלן מיר שוין היינט נישט נעכטיקן...

אַלע בריוו וואַכן אויף און האָרכן זיך איין צום געשפּרעך. אַ לאַנגע פּויזע.

1-טע שטימע: האָסט געשריבן אַ בריוו צו דער מאַמען?
2-טע שטימע: געשריבן.
1-טע שטימע: וואָס האָסטו איר געשריבן?
2-טע שטימע: בלויז ליגנס. געשריבן אַז ס'איז מיר גוט, זייער גוט...
1-טע שטימע: האָסט גאָרנישט געשריבן איר, אַז שוין אַ חודש אַז מיר שלאָפן אין גאַס?..
2-טע שטימע: ניין.
1-טע שטימע: און וועגן הוסט דיינעם האָסטו אויך נישט געשריבן?..
2-טע שטימע: צו וואָס דאַרף זי עס דען וויסן? אַלע גרויע האָר וואָלט זיך די מאַמע מיינע אויסגעריסן פון קאָפּ...
1-טע שטימע: מעג מען דען אָפּנאַרן אַ מאַמע, מעג מען?..
2-טע שטימע: פאַרהוסט זיך שטאַרק.
אַלע בריוו: אָפּגענאַרט אַן אַלטע מאַמע, אָפּגענאַרט אַן אַלטע מאַמע...
1-טע בריוו: האָרכט זיך גוט איין יאָ, ס'איז יאָסל. אויף אַ פּלאַסע האָט ער מיך אָנגעשריבן. אין הוסט דערקען איך אים ס'הערט זיך נאָך דאָס הוסטן.
אַלע בריוו: אַזאַ הוסט! אַזאַ הוסט!
1-טער בריוו: איך וועל שוין וויסן גוט ווי אָפּצונאַרן זיין מאַמען, כ'וועל שוין

וויסן... „גוט, זייער גוט איז איר יאַסל" — וועט זיך פרייען אַן אַלטע מאַמע, און גליקלעך וועט זי זיין, גליקלעך...

אַלע בריוו: אַ ליגנער ביזטו, אַ ליגנער!..

1-טער בריוו: נישט אַזוי גרינג לאָזן זיך מאַמעס נאַרן. אַ מאַמע לייענט פון צווישן די שורות, צווישן די שורות...

אַלע בריוו: אַ ליגנער, אַ ליגנער ביזטו!

אַלע בריוו רוקן זיך אָפּ פון 1-טן בריוו.

פינפטע סצענע

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. שאַ־שטיל. פון דרויסן הערט זיך נישט קיין באַוועגונג. אין קעסטל פילט זיך פּאַפּיראָסן רויך.

אַלע בריוו: אַזאַ רויך, אַזאַ רויך!

1-טער בריוו: דערשטיקט צו ווערן פון רויך.

2-טער בריוו: ווער רויכערט דאָס אין דרויסן אַזוי שפּעט ביינאַכט?

3-טער בריוו: אין די בענק שמעקט איך זיך שטענדיק אָן מיט פּאַפּיראָסן־רויך. כ'בין געוואוינט דערצו, אָבער דער רויך איז פון שלעכטע, געמיינע פּאַפּיראָסן...

אַלע בריוו: פון שלעכטע, געמיינע פּאַפּיראָסן...

אומבאַמערקט פאַלט אַריין אַ פונק, וואָס נעמט זיך ביסלעכוויז טליען, ביז עס צינדט זיך אָן אַ בריוו.

1-טער בריוו: געוואַלד, ראַטעוועט מיך, כ'ברען, כ'ברען! אַ ליגן בין איך, אַ ליגנער, אָבער דאָך אַ טרייסט פאַר אַן אַלטער מאַמען... ראַטעוועט, ראַטעוועט מיך!...

עס צינדט זיך אָן דער 2-טער בריוו.

2-טער בריוו: כ'בין דאָך אַ האָפנונג, אַז זיי וועלן באַקומען אַרבעט, דאָך אַ האָפנונג... ראַטעוועט! ראַטעוועט!

עס ברענען שוין אַלע בריוו צוזאַמען.

אַלע בריוו: ראַטעוועט! ראַטעוועט! מיר ווילן נישט ברענען! ראַטעוועט!

3-טער בריוו: כ'וויל נישט מער זיין פאַרשלאָסן אין די אייזערנע, קאַלטע קאַסעס! כ'וויל זיין ביי די, וואָס דאַרפן מיך האָבן... שוין בעסער פאַרברענט צו ווערן, בעסער אַזוי, בעסער...

פאַרהאַנג.

פאַרטייטשונג פון די פרעמדע ווערטער

אַנסע.—(עלף) דער נאָמען פון אַ שפּאַציר־פּלאַץ אין בוענאָס איירעס, צום אָנדענק פון 11־טן סעפּטעמבער — אַ נאַציאָ־נאַלער יום־טוב.

באַלנעאַריאַ.—באָד־פּלאַץ.

באַר אַאוטאָמאַטיקאַ. — אויטאָמאַטישע רעסטאָראַנען פאַר שנעלער און ביליקער באַשפּייזונג.

באָליזשעס(זשאַס).—גלעזערנע קייקעלעך, וואָס דינען אַלס ליבלינגס־שפּיל פאַר קינדער.

טרעסע.—דרייצן.

טשאָקע.—צוזאַמענשטויס.

טשאַקאַלאַטין.—קליינע טשאָקאָלאַד־שטיקלעך, וואָס זענען פאַר קינדער אַ ביליקע נאַשעריי.

מאָסאַיקאָס.—מאָזאַיקן.

מערקאַדאָ.—מאַרק.

סאַגואַן.—קורצער קאָרידאָר באַלד נאָך דער טיר צו׳ר גאַס.

סובטעראַנעאָ. — אונטערערד־באַן, אָדער טראַמוואַי.

סאַפּאַטיזשעס(זשאַס). — ברעזענטענע שיכלעך.

על פּיבע.—דער קליינער. דינט אַלס צונאָ־מען פאַר אַ מענטשן פון נידריקער וואוקס.

ענקאַרגאַדעבע (ענקאַרגאַדאַ).—די פרוי פון הויז־פאַרוואַלטער.

פּלאַסע(סאַ).—שפּאַציר־פּלאַץ.

קאַפע־קאָן־לעטשע.—קאַווע מיט מילך.

קאַראַמעלאָס.—צוקערלעך.

קינסע.—פופצן.

אינהאלט:

1.—זוכן קינדער און זוכן... — זייט 5

היים:

2.—א מאמע—א הויקער...— „ 11

3.—ס'אינגעלע מיטן ארוים־געשטעקטן צינגעלע — „ 15

4.—בעניטא האט געוויינט — „ 18

5.—ווען וועלוול העלפט דער מאמען... — — — — — — „ 22

6.—צוויי סוחרים... — — — „ 26

7.—עזרא מזיק — — — — „ 29

שול:

8.—אין קלאס — — — — — „ 35

9.—לייזער דער פעפער — „ 40

10.—וואס קינדער ווילן וויסן „ 44

11.—בריל'ן — — — — — — „ 47

שטאט:

12.—פארוואס עס רוישט די שטאט — — — — — — „ 53

13.—העי, דו שיינער, גרויסער טראמוואי — — — — — „ 57

14.—אויף א טאג מיט א נאכט, א רונד געמאכט... — — „ 60

15.—א פערד איז געשטארבן „ 64

16.—וואלענטין, דער צייטונגס־פארקויפער — — — — זייט 67

17.—אז צען סענט פארט מען נישט — — — — — — „ 71

18.—א חלום פון א שוך־פוצער... — — — — — „ 74

19.—די שטאט — א שטייג... „ 77

20.—א קינד פון הינטער דער שטאט — — — — — — „ 80

וועלט:

21.—די זון איז פארלאשן גע־ווארן... — — — — — „ 87

22.—א בוים — א מאמע — „ 91

23.—א מעשה מיט א בלאנ־דזשענדיקער שיף — — „ 95

24.—יאסעלע און די לבנה — „ 99

25.—א מענטש פליט — — „ 102

26.—פייוול פרעסער לאכט — „ 105

27.—דער מויערער און זיין זון „ 109

פון אומעטום:

28.—פייגעלעך־טאטעס, פייגע־לעך־מאמעס דאנקען — „ 115

29.—א נאכט פון ערדציטער־ניש — — — — — — „ 118

30.—אין א בריוו־קעסטל — „ 123

[illegible]

SALOMON WASSERZUG

PARA LOS NIÑOS

Cuentos, Cuadros y Bocetos

Buenos Aires
1932

Tall. Graf. "CULTURA" Tucumán 3067 Bs. Aires